STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01881

TOLDOS R. M.E. KREMER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר׳ משה אליעזר קרעמער

תולדות רמ"א קרעמער

די לעבענס באשרייבונג פון א
אידישען גביר, וועמענס גאנצער
לעבען איז געווען א קייט פון
תורה, צדקה און מעשים טובים.

פארצייכענט און באשריבען
פון
א גרופע פריינט און פארעהרער

ניו יארק, תרפ"ו

פינסקי־מזל פרעס, אינק.
446
84 באוערי, נ. י.

הקדמה.

דאנערשטאג, דער 6טער טאג אין חודש אייר פון יאהר תרפ"ה (30אפריל 1925) וועט פארבלייבען פאר אונז ,פאר אונזערע קינדער און קינדס קינדער א טאג פון טרויער, ווייל אין דיזען טאג איז דער קרוין פון אונזער קאפ ארונטערגענומען געווארען; פערפינסטערט געווארען איז די זון אין מיטען העלען טאג; מיר האבען אין דעם טאג פערלארען אונזער טייערען, אונפערגעסליכען פאטער, דער שטאלץ פון אונזער משפחה, ר ב י מ ש ה א ל י ע ז ר ק ר ע מ ע ר ז"ל. טיעף ווי דער ים איז אונזער טרויער און קיין טרייסט קענען מיר ניט געפינען. צוזאמען מיט אונז האבען אויך פיעל מענשען, דא אין אמעריקא און אויף יענער זייט ים, מיטגעוויינט און מיטגעקלאגט אויף אונזער גרויסען פערלוסט. גרויס איז דער שמערץ פון יעדען איינציגען וועלכער פערלירט זיינע עלטערן, אבער נאך גרעסער איז אונזער וועהטאג אנצואווערען אזא טייערען און ליעבען פאטער, וועלכער איז געוועז א טרייער איבערגעגעבענער פאטער ניט בלויז פאר אונז, זיינע קינדער, נאר אויך פאר טויזענדער פרעמדע, מיט זיין ברייטע הארץ פול מיט גוטסקייט און מענשענליעבע.

אמת, עס הערשט א וועלטגעזעץ אז טויטע מוזען פערגעסען ווערען, אבער דאך ווילט זיך אונז ניט גלויבען, אז מיר זיינע קינדער, וועלכע זיינען אויסגעוואקסען אונטער זיינע פליגלען און מיט די אייגענע אויגען צוגעזעהן אלע זיינע נאבעלע טהאטען, זאלען זיך ווען ס'איז קענען פארגעסען אין איהם. זיין ליכטיגע גייסטיגע געשטאלט מוז שטענדיג שוועבען פאר אונזערע אויגען אונז צו דיענען אלס וועגווייזער אין אונזער לעבען, און זיין אנדענקונג מוז ביי

אונז הייליג זיין ביז צו אונזער לעצטען אָטהעמצוג. די איינציגע זאך פאַרוואס מיר שרעקען זיך איז, דאס אונזערע קינדער וואס האבען איהם ניט געקענט פערזענליך וועלען שוין האָבען אַ בלאַסען בעגריף פון זייער גרויסען זיידען, און אין די שפּעטערע דורות איז מעגליך אַז ער זאָל אין גאַנצען פארגעסען ווערען.

אָט דיזע מורא האט אונז בעוואויגען ארויסצוגעבען זיין לע־בענסבעשרייבונג אין אַ בעזונדער בוך, אויף אידיש און אויף ענג־ליש, אַלס אַ ירושה פאר אונזערע נאָכקומענדע דורות. זאָלען זיי וויסען וואס פאר אַ וויכטיגען שטאַמפאָטער זיי האבען געהאַט, און דורך אגב זאָלען זיי איהם נעהמען אַלס מוסטער ווי אַ מענש דאַרף לעבען אויף דער וועלט. זאָלען זיי לייענען דאס בוך וועלען זיי וויסען וואס דאס הייסט אידישער מאַראַל, און קענען מיט רעכט שטאָלצירען אויף זייער עלטערזיידען, וועלכער איז געווען אַ פער־קערפּערונג פון אמת'ע פרומקייט און אויפריכטיגע, נאַטירליכע מענשענליעבע.

דאס בוך, שילדערנדיג דעם שאַפענדען אינהאַלטסרייכען לעבען פון אונזער פאַטער, קען אויך דיענען אַלס מוסטער פאר פיל אַנדערע מענשען, אַז געלד אַליין איז נאָך וועניג אַ מענשען גליקלאַך צו מאַכען, דער עיקר איז צו וויסען ווי דאס געלד צו געברויכען, אום צו קענען געניסען פונ'ם רייכטום אַ גליקליכען לעבען. אונזער זעליג־גער פאַטער איז געווען כל ימיו גליקלאַך און צופריעדען, שטענדיג געווען פרייליך אויפגעלעגט, ניט ווייל ער האט בענוצט זיין רייכ־קייט אויף קערפּערליכע פערגעניגונגען, נאָר ווייל ס'איז ממש אַ טאָג ניט אַוועק, אַז ער זאָל יעמאַנדען ניט טהאָן אַ טובה מיט זיין געלד.

נאָך אַ כונה האבען מיר ביי'ם ארויסגעבען דאס בוך, צו בריינ־גען אַ ביסעל אַ לינדערונג צום גרויסען שמערץ פון אונזער טייע־רער ליעבער מוטער, זאָל לעבען, וועלכע אַלס אַן אמת'ע אשה צנועה טראָגט אריבער מיט אַ זעלטענע גבורה איהר גרויסען צער; ווי אַ אמת'ע צדיקת איז זי מקבל באהבה איהרע יסורים, צו ווערען אָבגע־ריסען, נאָך אין די בעסטע יאהרען, פון אַזאַ טייערען מאַן מיט וועמען זי האט אַזוי גליקליך און האַרמאָניש געלעבט. זאָל זי לעזען

דאס בוך און לעבען מיט די שעהנע ערינערונגען, אז זי האט גע־האט די זכיה צו לעבען צוזאמען גאנצע 44 יאהר מיט אזא נאָבעלען מאַן און איהם זיין אַ עזר כנגדו אין אַלע גוטע טהאַטען וואס ער האט געטהאָן. און מיר, איהרע געטרייע קינדער, בעטען טעגליך צום אַלמעכטיגען אז ער זאל דערלעבנגערען איהרע יאהרען אין נחת, און אז זי זאל האבען פרייד פון איהרע קינדער און קינדסקינדער, אמן.

דאס בוך איז צוזאמען געשטעלט געווארען פון אַ גרופּע חברים און גוטע פריינט פון אונזער זעליגען פאטער, פון מענשען וואס זיי־נען מיט איהם אויפגעוואקסען אין דער אַלטערהיים, פון מענשען וואס האבען מיט איהם צוזאַמען געאַרבעט אין כלל־ענינים, וואס זיינען געווען מיט איהם פערבונדען אין ביזנעס און אין פּריוואַט־לעבען און דערגלייכען. אַט זיי אַלעמען שפּרעכען מיר דאַ אויס אונזער הערצליכסטען דאנק און דאס זיינען: הרב רבי נחמן צבי עבין, הרב ר״מ לאקשין, ר׳ דוד שיפרין, ר׳ יצחק עפּשטיין, ר׳ אברהם קפּלן, ר׳ יעקב קאַצנעלענסון, ר׳ אברהם קאַפּילאוויץ, ר׳ חיים בער סאסענסקי, ה׳ טשארלס פאסטאַן הרב ר״ב ליוועַ־ראנט פון קורעניץ, ר׳ אברהם מיכל כ״ץ פון ראקאָוויי, ר׳ יצחק כהן פון ניו־הייווען און ר׳ בער לעווין פון ספּרינגפיעלד. אַ בעזונדערן דאנק אונזער ליעבען פריינט, דער בעוואוסטער שריפט־שטעלער ר׳ יעקב מארק, וואס אונטער זיין רעדאקציע איז דאס בוך געשריבען געווארען.

1

ר׳ משה אליעזר׳ס עלטערן און די סביבה

ווען מען וויל אז א בוים זאל ארויסגעבען גוטע, געשמאקע פרוכט מוז מען בעטראכטען דעם באדען אויף וועלכען ער ווערט געפלאנצט, אויך מוז דער בוים זעהר אויפגעפאסט ווערען ביז ער וואקסט זיך גוט איין, דאס אייגענע איז אויך מיט א מענשען, די אבשטאמונג און די סביבה אין וועלכער ער וואקסט אויף בילדען די הויפטפאקטארען אין זיין ענטוויקלונג. און ווי זאגט די וועלט „דער עפעל פאלט ניט ווייט פון בוים״, פון פיינע, איידעלע עלטערן קו־מען געוועהנליך ארויס פיינע איידעלע קינדער. נאך מעהר ווי די אב־שטאמונג שפילט די הויפט ראליע די ערציהונג, אויך דעם איינדרוק וואס א מענש בעקומט פון דער סביבה וואו ער איז אויפגעוואקסען. קיין מוסר־ספר, קיין מאראל פרעדיגער קען ניט אויסאיבען אזא השפעה אויפ׳ן מענשליכען כאראקטער ווי די געלעגענהייט צו זעהן אין די יונגע, עמפפינדליכע יאהרען, ווי מאראל און טוגענד ווערט פראקטיצירט אין לעבען. ר׳ משה אליעזר קרעמער האט געהאט דעם דאפעלטען מזל, געבארען צו ווערען ביי איידעלע נאבעלע עלטערן און ערצויגען צו ווערען אין א הויז און אין א סביבה פול מיט תורה, צדקה און מעשים טובים.

די פארווארפענע שטעדטעל „קורעניץ״, ווילנער גובערניע, מיט א אידישער בעפעלקערונג פון א ערך דריי ביז פיערהונדערט פאמיליעס, האט מיט 60-70 יאהר צוריק א גרויסע ראלע געשפילט אינ׳ם אידישען גייסטיגען לעבען. זי איז בעריהמט געווארען מיט איהרע גרויסע לומדים, מיט איהרע שעהנע בעלי־בתים און זיך גע־רעבענט פאר דעם צענטרום פון ליובאוויטשער חסידים אין ווילנער

גובערניע. ווי קליין און ווי אָרים זי איז געווען האט זי דאָך אויס־געהאַלטען בכבוד 4 חסידישע בתי מדרשים און 1 מתנגדי׳שען בית מדרש, און צו איהר קרעדיט מוז געזאגט ווערען אז זי איז געווען איינע פון די וויניגע שטעדטלאך אין יענער צייט, וואו חסידים מיט מתנגדים האבען ברודערלאך געלעבט צוזאמען. דער דראַנג פון דער השכלה, וואס האט זיך שוין געהאט אריינגעשפארט אין די גרעסערע שטעדט, האט נאָך די שטעדטעל קורעניץ ניט דערגרייכט, מען האט זיך געלעבט ווי די אבות אבותיהם האבען געלעבט, מיט קליינע הצטרכות און מיט וויניג זארג און קאָפּדרייעניש. די גאנצע שטעדטעל איז געווען ווי איין איינציגע משפחה, זיך געטיילט צו־זאמען פרייד און לייד, און געפייערט די ימים טובים אלע צוזאמען מיט׳ן אמת׳ן ענג יום־טוב וואס היינט ווייסט מען דערפון ניט. דער ערשטער וואס האט פרובירט אריינברייגען דעם חסידיז׳ם אין דער דאזיגער ליטווישער שטעדטעל איז געווען דער בעוואוסטער גביר און גרויסער תלמוד חכם רבי זלמן קורעניצער, מיט וועמען די קור־רעניצער לאַנדסלייט שטאָלצירען נאָך היינט. צו איהם זיינען צו־געשטאנען די שעהנסטע קורעניצער לומדים און בעלי־בתים פון יענער צייט ווי: ר׳ יהודה ליב עפראָן, ר׳ יהודה זוסמאן, ר׳ יוסף מאיר הלוי און אנדערע חסידים ואנשי מעשה, און איז שפּעטער נאָך מעהר פערשטארקט געווארען דורך זיין גרויסען זוהן רבי זיסקע זצ״ל, איינער פון די בעוואוסטע חכמים און צדיקים פון יענער צייט.

איבער די גרויסקייט פונ׳ם דאזיגען רבי זיסקע׳ן דערצעהלען זיך חסידים אָן וואונדערבארע מעשיות, און נאָך היינט דערמאָהנען די קורעניצער זיין נאָמען מיט גרויס רעספּעקט און יראת הכבוד. פון די אלע לעגענדעס וואס האבען זיך מיט דער צייט פערשפּרייט ארום זיין פּערזענליכקייט איז צו מערקען, אז ער איז געווען חוץ א גרויסער גאון און א צדיק, אויך א זעלטענער חכם און א בעל מדות מיט א גרויס השפעה אויף זיין סביבה. ר׳ משה אליעזר וואס האט געהאַט די זכיה צו לערנען אין זיינע יונגע יאהרען אין רבי זיסקע׳ס בית־מדרש, און געהאַט די געלעגענהייט צו קענען פון נאָהנטען בע־

טראכטען זיין וואונדערבארע הנהגה, פלעגט שטענדיג זאגען: אויב ס'איז פאראן ביי איהם עפעס א אידישער ברען האט ער עס נאר צו פערדאנקען רבי זיסקע'ן. בכלל איז דאס גאנצע אידישע לעבען פון יענער צייט אנגעזאפט געווען מיט תורה, מיט פרומקייט, מיט צדקה און מיט מדות טובות, וואס דאס אלץ האט געלעגט דעם יסוד צום שפעטערען לעבען פון ר' משה אליעזר קרעמער.

נאך גרעסער איז אבער אויף איהם געווען די השפעה פון זיין עלטערן'ס הויז; א הויז פול מיט תורה און אידישקייט, רחמנות און מענשענליעבע, דער שעהנסטער מוסטער פון אן עכט אידישע הויז, וואס היינט זיינען זיי שוין זעהר ווייניג פאראן, ניט בלויז דא אין אמעריקא נאר אפילו אין דער אלטער היים. דער היינטיגער מענש קען זיך דאס גאר ניט פארשטעלען אז מענשען זאלען אב־לעבען א גאנצען לעבען שטענדיג דאגה'נענדיג פאר'ן צווייטען, און ניט ווארטען ביז דער נויטליידענדער זאל קומען צו זיי בעטען הילף נאר איהם נאך געהן אויפזוכען; אז עס זיינען געווען מענשען מיט אזעלכע ברייטע הערצער וואס האבען שטענדיג געגעבען צדקה מעהר ווי זייער יכולת האט זיי ערלויבט, און זיך געטהיילט מיט'ן הונגעריגען ממש דעם לעצטען ביסען ברויט. אט אזוי איז געווען זיין פאטער ר' יחיאל מיכל ז"ל, א איד א למדן און א גרויסער ירא־שמים, א מפורסם'דיגער חכם און א מושלם, און אזוי איז גע־ווען זיין מוטער איטקע, ע"ה, אן אמת'ע צדיקת מיט א הארץ פול מיט רחמנות און גוטסקייט. כאטש קיינמאל קיין גבירים ניט גע־ווען נאר בכבוד'יגע בעלי־בתים, דאך האבען זיי אין זייער לעבען פערטהיילט צדקה מעהר ווי די גרעסטע גבירים.

בעת ר' משה אליעזר איז געבארען געווארען, אין יאהר 1864, האבען די עלטערן דאמאלסט געוואוינט אין קורעניץ, און אין 7 יאהר שפעטער האבען זיי זיך באזעצט אין א דערבייאיגען דארף מיט'ן נאמען „אסטאשקעווע", וואו זיי האבען אנגענומען אויף ארענדע א הויף מיט א מילכפאקט און דארט פערבליבען ביז צום ענד פון זייער לעבען. דער פריץ פון אסטאשקעווע א געוויסער באדאנאוויץ, דערקענענדיג ר' מיכל'ס ערליכקייט און איידעלען

כאראקטער, וועלכער האט אויך פערשטאנען צו ריידען א שיינעם פויליש, האט בעקומען צו איהם א געוואלדיגען פערטרויען, גע־מאכט דורך איהם אלע זיינע געשעפטען און איהם נאך רעקאמענ־דירט צו אנדערע פריצים. ר׳ מיכל האט געקענט האבען די מעג־ליכקייט צו מאכען פיעל געלד און מיט דער צייט צו ווערען א גביר, ער האט אבער ניט געהאלטען פון קלייבען געלד און אלץ וואס ער האט פערדינט האט ער פארטיילט אויף צדקה. ער איז אפט געפא־רען קיין ליובאוויטש צום רבי׳ן, פריער צו רבי מענדעלען און שפעטער צו רבי שמואל׳קען, און שטענדיג דארט אויסגעטיילט גרויסע נדבות.

זיין נאמען איז בעוואוסט געווען פאר א גרויסען בעל־צדקה אין אלע שטעדטלאך ארום אסטאשקעווע ווי: קורעניץ, איליע און ראצקע, וואו ער פלעגט אלע ערב יום טוב פערטהיילען היבשע סומען געלד פאר געפאלענע בעלי־בתים און פאר סתם ארימע לייט. זיין פרוי וויעדער פון איהר זייט פלעגט כמעט אלע ערב שבת אריינפארען אין דער דערבייאיגער שטעדטעל ראצקע, און פער־טהיילען צו ארימע: פלייש, חלות, ברויט און פוטער. זי האט זיך געהאט א מנהג צו האדעווען געגז, יאהר איין יאהר אויס, און פער־טהיילען די פלייש צו ארימע קראנקע און די פעדערן אבגעבען צו ארימע כלות. א חוץ דעם זיינען זיי ביידע געווען זעלטענע מכניסי אורחים, ביי זיי אין הויז איז שטענדיג געווען געגרייט טישען צום עסען און בעטען צום שלאפען פאר ארימע דורכפאהרערס. יעדען טאג פלעגט מען קאכען גרויסע טעפ מיט עסען, כאטש די אייגענע פאמיליע איז נאך קליין געווען, כדי מען זאל חלילה ניט צו קורץ קומען אויב עס וועלען אנקומען פיעל אורחים, וואס האבען ב״ה קיינמאל ניט געפעהלט. די ארימע לייט פלעגען שוין אנזאגען איי־נער דעם צווייטען, אז ביי ר׳ מיכל אסטאשקעווער איז אן אפענע הויז, מען גיט דארטען פיל צו עסען און מען גיט נאך מיט קליינ־געלד אויף דער הוצאה.

ר׳ מיכל איז פון דער נאטור געווען א גרויסער מתמיד. אין זיין פרייער צייט פלעגט ער שטענדיג לערנען און אויך אונטער־

שטופּען צום לערנען דעם קליינעם משה אליעזר'ן, וועלכער איז גראד אין דער יוגענד קיין מתמיד ניט געווען. ווי דער שטייגער פון אַ ליובאַוויטשער חסיד האט ער ניט געוואוסט פון קיין שום גאוה, געווען אַ גרויסער מעורב עם הבריות, און אַלע פלעגן גרוים הנאה האָבען פון זיינע שמועסען און פון זיינע וויטציגע איינפאַלען, באמת האט ער פערשיעדענע צייטען דורכגעמאַכט און ניט אַלע מאָל האט די זון געשיינט אין זיינע ווינקעלעך, געליטען צער גדול־בנים און געהאַט אַפּט צרות פון דער רוסישער פינסטערער רעגירונג, אָבער זיך געהאַלטען שטענדיג טאַפּפער און ניט פאַרלאָרען דעם בטחון.

אַ גרויסער קלאַפּ האט איהם געטראָפען דורך דעם טויט פון זיין טייערער פרוי, וועלכע איז געשטאָרבען אין יאהר 1908, און איז פערבליבען עלענד. ר' משה אליעזר, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט רייך געווען, האט זיך ביי איהם מעהרער מאָל געבעטען אז ער זאָל ארויס פון אסטאַשקעווע, אויפגעבען זיינע געשעפטען און זיך באַזעצען אין קורעניץ, וואו ער וועט קענען פערברייגגען די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען אין תורה און אין עבודה, און ער וועט איהם מפרנס זיין מיט אַ ברייטע האַנד, אָדער ער זאָל גאָר קומען צו איהם קיין אמעריקא און האבען גרוים נחת—ער האט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט אויפגעבען זיין בעשעפטיגונג און פערבליבען אויף ווייטער אין אסטאַשקעווע צוזאַמען מיט זיין זוהן ישעיה וואָלף, און געטהאָן ווייטער זיין ארבייט.

אַ האַלב יאהר פאַר זיין טויט איז איהם אויסגעקומען צו פאָה־רען קיין „מיר" (מינסקער גובערניע) קויפען פערד פאַר זיין פּריץ. קומענדיג אַהין איז ער אריינגעגאַנגען אין דער בעוואוסטער מירער ישיבה, און אַזוי צוקוקענדיג ווי עס זיצען הונדערטער בחורים און לערנען געשמאַק, האט איהם אָנגעהויבען צו פערדריסען פאַרוואס ער פלעגט שטענדיג, ווי געווענליך אַ ליובאַוויטשער חסיד, מבטל מאַכען די מתנגדישע ישיבות, און וועלענדיג גוט מאַכען זיין טעות האט ער בעשלאָסען צו געבען אַ שעהנע נדבה פאַר דער ישיבה. ער האט אופגעזוכט דעם משגיח און אָבגעגעבען די נדבה, און דרך אגב האט ער איהם דערצעהלט אַז ער האט אַ רייכען זוהן אין אַמעריקא,

וועלכער הערט ניט אויף איהם צו בעטען אז ער זאל אויפגעבען זיי־
נע ביזנעס און ער וועט איהם שוין אויסהאלטען, אבער ער וויל דאס
ניט. דער משגיח האט איהם שוין ניט אפגעלאזען און האט אין
איהם אזויפיל ארייגערעדט ביז ער האט דאך געפועל׳ט אז ער
זאל זיך אבזאגען פון זיינע געשעפטען און זיך זעצען לערנען, און
בעפאר ער איז אבגעפאהרען האט ער איהם געמוזט געבען א
תקיעת־כף אזוי צו טהאן און האט זיין ווארט מקיים געווען.

ר׳ מיכל איז געשטארבען אין יאהר 1914 אין אן עלטער פון
אן ערך 74 יאהר.

.2

די יונגע יאָהרען

עס פערשטעהט זיך אז האבענדיג אזעלכע איידעלע על־טערן און אויפוואקסענדיג אין אזא סביבה פון תורה און מעשים טובים, איז קיין וואונדער ניט אז ס׳איז ארויסגעקומען אזא איד ווי ר׳ משה אליעזר מיט אזעלכע גרויסע מעלות און טייערע מדות. און כאָטש ער איז געווען אין דער יוגענד א גרויסער שטיפער, דאָך האט ער זיך א פנים גוט צוגעקוקט אויף אלץ וואס ס׳איז פארגעקומען אין זיין עלטערנ׳ס הויז, אויך האט זיך איינגעקריצט אין זיין יונגעם הארץ די שעהנע הנהגה וואס ער האט צוגעזעהן זייענדיג א גרויסער איינגייער ביי רבי זיסקע׳ן, און ווי עס ווייזט אוים האט ער זיך פארגענומען צו געהן גרויסערהייט אין זייערע דרכים. דאכט זיך אז אין פיל פרטים איז ער זיי נאָך אריבערגעשטיגען. ס׳איז אפשר ניט שווער געווען צו פיהרען א עכט אידישען לעבען מיט א יאהר פיערציג פופציג צוריק אין א קליין ליטווישע שטעדטעל, אָבער זיך אזוי צו פיהרען אין דער פרייער אמעריקא און אין א גרויסער שטאדט ווי ניו יאָרק, לעבענדיג אונטער גאַנץ אנדערע אומשטענדען און פערהעלטניסען, איז גאָר ניט אזוי לייכט, און נאָר אן אמת׳ער אידישער איד ווי ר׳משה אליעזר קרעמער האט דאס געהאט בכח דורכצופיהרען.

בעת ער איז נאָך געווען א חדר־אינגעל, האט זיך שוין אָנגע־הויבען ארויסצייגען זיינע זעלטענע גוטע פעהיגקייטען, זיין שאר־פער שכל און זיין אויסערגעוועהנליכען זכרון . צו זיין בר־מצוה האט ער געזאגט א שעהנע לומדישע דרשה, פון וועלכע רבי זיסקע האט געהאט גרויסע התפעלות, און געהייסען דעם פאטער איהם אוועקשיקען לערנען אין דער איליער ישיבה. ער איז אָבער דארטען

צוועלף

נאָר פאַרבליבען קנאַפּע 2 יאהר, ניט וועלענדיג אז דער פאָטער זאָל פאַר איהם ארבייטען, און געקומען א היים העלפען דעם פאָטער. אזוי ווי ער איז געווען פון דער נאַטור זעהר ענערגיש און ארבייטזאם, האָט ער זיך מיט זיין גאַנצער יוגענדליכער ענערגיע ארייגעוואָרפען אין דער ארבייט, קיין זאַך איז איהם ניט שווער געווען, געאַרבייט אין פעלד, געפיהרט האָלץ פון וואַלד, אויפגעפּאַסט אויף די בהמות און דעסגלייכען. ער איז אויך געווען פון דער נאַטור פיזיש שטאַרק געבויט, אַ זעלטענער גבור מיט זעהר קרעפטיגע מוסקלען, אז אויך אין די עלטערע יאהרען איז ער נאָך אין שטאַנד געווען אויפצוהייבען אַליין די שווערסטע משא, וואָס איז נויטיג געווען דערצו לכל הפּחות 3 מענשען. די גויים אין דאָרף האָבען אלע פאַר איהם מורא געהאַט, קיינער האָט זיך ניט געקענט פערמעסטען מיט איהם אין גבורה, און אז אַמאָל האָבען אַ באַנדע שקצים אַטאַקירט איינעם אַ אידישען קאַראַבאַלניק וואָס איז ארומגעגאַנגען אין דאָרף מיט אַ פּאַק סחורה, איז ער האַסטיג צוגעלאָפען, און ווי קליין ער איז נאָך דאַמאָלסט געווען, האָט ער זיי אַלעמען געהעריג דורכגעבראָכען די ביינער, אז זיי האָבען שוין פערזאָגט אַ צעהנטען ניט מעהר צו טשעפּען אַ אידען.

ער האָט איבערהויפּט ניט געוואוסט וואָס דאָס הייסט מורא האָבען, געקענט אין די פינסטערסטע נעכט געהן דורך געדיכטע וועלדער, זיך ניט שרעקען ניט פאַר מענשען ניט פאַר חיות. די גויים פון דאָרף האָבען איהם אַ מאָל געוואָלט אָפּטהאָן אַ שפּיצעל, און איהם איבערשרעקען בעת ער וועט אַמאָל געהן אין דער נאַכט דורך אַ וואַלד. זיי האָבען זיך איינגעוויקעלט אין ווייסע לייליכער, פערדעקט די פּנים'ער און געהאַלטען אין די הענט ברענענדיגע העלצער און אזוי געגאַנגען איהם מקבל פּנים זיין. דערזעהענדיג זיי האָט ער באַלד פערשטאַנען וואָס דאָ געהט פאָר און האָט זיך ווייניג וואָס דערשראָקען קומענדיג נעהנטער צו זיי האָט ער ניט פיל געקלערט, געכאַפּט די פּויערים פאַרוויז און געקלאַפּט איינעם קאָפּ צום צווייטען ביז ער האָט זיי אַלעמען אויסגעלייגט. פון דאַמאָלסט אָן האָבען זיי אַלע בעקומען גרויס רעספּעקט פאַר איהם, שטענדיג

בעוואונדערט זיין קאלאסאלע גבורה און גלייכצייטיג זיין ווייכע גוטמוטיגע הארץ.

אזוי האט ער זיך געלעבט ביז צו זיין 17 טען יאהר ווען ער האט חתונה געהאט.

פערצען

3

דער מזל'דיגער שידוך

די גרעסטע הצלחה אין זיין לעבען איז געווען דאס וואס ער האט בעקומען דעם ריכטיגע זיווג. ווי זאגט דער פסוק (משלי, י"ט, י"ד) „בית והון נחלת אבות ומד' אשה משכלת", דאס הייסט: אַ הויז און פערמעגען קענען געבען עלטערן אָבער אַ רעכטשאַפענדע פרוי קען נאָר געבען דער אויבערשטער אַליין. ר' משה אליעזר האט באמת בעקומען די בעסטע פרוי וואס אַ מענש קען זיך ווינשען. זיין פרוי, רחל עלקע תחי', מיט וועמען ער האט אויסגעלעבט זיינע יאהרען אין דער בעסטער הארמאָניע, איז איהם ווירקליך געווען א געטרייע חבר'טע אין זיין גאַנצען לעבען, געטהיילט מיט איהם פרייד און לייד, געווען אַ צופריעדענע אין פריהערדיגען ארימען לעבען און פערבליבען בעשיידען, מיט ווייניג אנשפּרוכען, אין שפּעטערדיגען רייכען לעבען. ס'איז איהר קיינמאָל קיין זאך ניט שווער געווען, אין די ביטערע צייטען איז איהר ניט שווער געווען צו טראָגען אויף זיך די קינדער אין חדר ווייל זיי האבען קיין שיכלאַך ניט געהאַט, און ס'איז איהר אויך ניט שווער געווען אין די גוטע צייטען, כאָטש האבענדיג דינסטען, אַליין צו ארבייטען און צוצוגרייטען עסען און נאַכטלעגערס, פאר די מאַסען אורחים וואס ר' משה אליעזר פלעגט שטענדיג אין הויז ברייגנען. ר' משה אליעזר האט זיך אָפט געאייסערט פאר זיינע בעקאַנטע, אַז דאס וואס איהם איז בעשערט געווען צו טהאָן מאַנכע גוטע זאכען קומט פיל קרעדיט זיין רחל עלקע'ן, מיט אַן אַנדער פרוי וואלט ער דאס ניט געקענט דורכפיהרען.

רחל עלקע שטאַמט פון אַ בעוואוסטע חסידישע פאמיליע אין

דווינסק. איהר פאָטער, ווענען זי האט פערלאָרען יונגערהייט, האט מען גערופען ר׳ זלמן דער כהן, א גרויסער למדן און א ירא־שמים, כל ימיו געווען א מלמד און געמאַכט א שווערען לעבען. זיינע ברידער זיינען שוין געווען סוחרים און געשפּילט א שעהנע ראָלע אין דער סוחר׳ישער וועלט. זייער פאמיליען נאָמען איז גע־ווען „שטיקאן“, און די דאזיגע בכבוד׳יגע פאמיליע עקזיסטירט נאָך היינט אין דווינסק. זי איז געווען ביי איהרע עלטערן א בת יחידה, איבערהויבט איז זי געווען די איינציגע מיידעל אין דער גאנצער משפחה, וואס איז מערקווירדיג בעשטאַנען פון כולו זכרים. איהרע ברידער זיינען געווען גרויסע לומדים און מוסמכים, איינער פון איהרע ברידער רבי ברוך חאַדעש פון ווידז, איז געווען א איש מצוין. א חוץ וואס ער איז געווען א גרויסער למדן און א שעהנער סוחר איז ער אויך געווען בעוואוסט פאר א זעלטענעם חכם. דער דאזיגער ר׳ ברוך האט אמאָל קומענדיג קיין סמארגאן וועגען ביז־נעס, זיך צופעליג בעקענט מיט ר׳יחיאל מיכל קרעמער פון אסטאַש־קעווע, און אזוי ריידענדיג דערצעהלט איהם ר׳ מיכל אז ער האט א גערעטענעם זוהן פון א יאהר 17, א וואוילער לעבעדיגער אינגעל מיט א שאַרפען שכל אין לערנען, און עס וואלט זיך איהם וועלען מיט איהם א שידוך טהאָן, ער וויל האבער נאָר א בת תלמיד חכם און פון א שעהנער פאמיליע. דארויף דערצעהלט איהם ר׳ ברוך אז ער האט גראדע א שוועסטער, א וואויל קינד וואס ער זוכט פאר איהר א פאסיגען חתן, און ס׳איז געבליבען ביי זיי אז ער זאל מיט איהם מיטפאָרען קיין אָסטאַשקעווע זיך זעהן מיט׳ן בחור און ריי־דען מיט איהם אין לערנען. דורכפאהרענדיג קורעניץ איז ר׳ ברוך אריינגעגאנגען צו רבי זיסקע׳ן זיך ערקונדיגען אויפ׳ן בחור און אויף די עלטערן. רבי זיסקע האט זעהר געריהמט דעם בחור און זיינע איידעלע עלטערן, די גרויסע בעל־צדקות, און נאָכדעם ווי ער האט זיך געזעהן מיט׳ן מדובר אליין און גערעדט מיט איהם א לאַנגע צייט אין לערנען און ביי איהם שטארק אויסגענומען, איז געבליבען ביי די מחותנים, ווי פארצייטען איז די מאָדע געווען, צו מאַכען צווישען זיך א קנין, און צו בעשטימען די זמן החתונה.

זעכצען

בעת ס'איז געקומען צום ענין פון נדן, האט ר' ברוך ערקלערט אז קיין נדן איז ניטאָ און ער איז זיך נאָר מתחייב דער כלה צו מאַכען דעם אויסשטייער אויפ'ן שעהנסטען בעל־הבית'ישען אופן. דער מחותן האט זיך אפילו אין אָנפאנג אביסעל געקווינקעלט, אָבער רבי זיסקע האָט א וואונק געגעבען אז ביי אזא בת תלמיד חכם, א מיוחסת און א יתומה, דארף קיין רייד ניט זיין וועגען נדן, און אזוי איז טאקע געבליבען, געמאַכט צווישען זיך א קנין, ניט פרע־גענדיג ניט דעם חתן ניט דער כלה.

ר' ברוך חיים האט דערפון מודיע געווען קיין דווינסק צו דער מוטער און צו די שוועסטער די כלה און זעהר שטאַרק געריהמט דעם שידוך, קוים אָבער האָט זיך דערפון דערוואוסט דער אָנקעל פון די כלה, יוסף שמעון שטיקאָן, א איד א סוחר און א האלבער משכיל, איז ער ארויס קעגען דעם מיט א פראָטעסט און געזאָגט, אז ער וועט ניט לאָזען כאַפען און סתם פערשלייערן אזא געראָטענע מיידעל ניט זעהענדיג פריהער דעם חתן, אפשר געפעלט ער איהר גאָר ניט. מען האָט זיך צוזאַמען געשריבען מיט ר' ברוך און ער האָט איינגעאָרדעט, אז חתן־כלה מיט די נאָהענטע מחותנים זאָלען צוזאמען פאָהרען אין ווידז זיך זעהן. צוערשט זיינען דאָרטען געקומען די כלה מיט דער מוטער און דערנאָך איז געקומען דער חתן מיט זיין פאטער, נאָך איידער דער חתן האט זיך באוויזען האט זיך ר' מיכל אליין פארגעשטעלט פאר דער כלה און זי איז פון איהם זעהר ענציקט געווארען ווייל ער איז געווען א מענש א בעל־צורה מיט א הדרת פנים, און זיין גאנצע האלטונג און ריידען איז געווען ווי פון א וועלט־מענש גאר ניט ווי פון א ישובניק.

אָבער שפּעטער ווען זי האט דערזעהן דעם חתן איז זי ניט געווען מעהר אזוי ענציקט. ערשטענס, האט ער אויסגעזעהן נאָך פיל אינגער ווי ער איז באמת אלט געווען, האָט אויסגעזעהן ממש ווי א קליינער אינגעל ניט ווי קיין חתן־בחור, און צווייטענס איז ער געגאנגען אָנגעטהאָן ווי א דארף־אינגעל מיט הויכע שטיוועל און מיט א ברייטע היטעל, א זאך וואס זי האט קיינמאָל ניט

זיבעצען

געזעהן אין דווינסק ביי א יונגען מענשען פון א בעסערע פאמי־ליע. א חוץ דעם איז ער נאָך געווען שרעקליך שעמעוודיג, ממש א ווארט ניט אויסגערעדט. זי האט זיך דוקא ניט געשעהמט און אָפען געזאָגט, אז דער חתן געפעלט איהר ניט. ר' מיכל, וועלכער איז געווען ביי זיך זעהר אָנגע'יחס'ענט און שטאָלץ אויף זיין סחורה, איז זעהר בייז געווארען אויף דעם בזיון וואס מען האט זיי אָנגעטהאָן, געהייסען תכף שפאנען די פערד, גענומען דעם חתן און געפאהרען צוריק אהיים.

די מוטער, און בפרט ר' ברוך, וועלכער איז געווען דער נאנצער אויפטוער פון שידוך, האבען געהאט גרויסע עגמת נפש דערפון, ווייל זיי האבען דאס געהאלטען פאר א גליק־שידוך, גענומען איינ'טענה'ן מיט דער כלה אז זי זאל זיך ניט לאזען הינרייסען פון ערשטען בליק, אז פון דאזיגען דארפס־אינגעל וועט נאָך א מאָל אויסוואקסען א גרויסער מענש, און ענדליך גע'פועל'ט ביי איהר זיך צו זעהן נאָך א מאהל מיט'ן חתן, אפשר וועט זי ענדערן איהר מיינונג. אזוי ווי די מחותנים זיינען אבער דערווייל אוועקגעפאהרען האט ר' ברוך גע־שיקט א שטאפעט זיי אנצויאגען, און מיטגעגעבען א בריף צו ר' מיכלען, איהם מודיע געווען אז די כלה איז מסכים זיך צו זעהן נאָך אמאָל מיט'ן חתן און אז ער זאל זיך תכף אומקעהרען קיין ווידז. גראדע האט זיי פאהרענדיג פאסירט א קליינער אומגליק. פאהרענדיג אין פערדרוס און פערטראכט־ערהייט, האט ר' מיכל ניט באמערקט ווי פון זיין לולקע איז ארויסגעפאלען פייער און פארברענט דעם ארבעל פון זיין ראָק. צוליב דעם האט ער זיך געמוזט אָבשטעלען אין א קרעצמע פער־ריכטען דעם ראָק און דערווייל האט דער שטאפעט אוספייעט איהם אונטערצויאָגען און אָבצוגעבען דעם בריף.

דער בריף האט אָבער אויף זיין פעסטען כאראקטער קיין שום רושם ניט געמאכט. האט זיך ניט אומגעקעהרט און געפאה־רען ווייטער. אין מיטען פאהרען האט מיט אמאָל אויסגעבראָ־כען א שרעקליכער שטורם, מיט דונערן און בליצען, און ר' מיכל

דער גרויסער מאמין, האט אָנגעהויבען אַ טראַכט צו טהאָן, אפשר איז דאס אַ צייכען פון הימעל ניט צו פאהרען ווייטער און אפשר איז עס דאך אַ בעשערטע זאך. געכאפט און זיך אומגעקעהרט צוריק אויפ'ן וועג קיין ווידז, און קומענדיג אַהין האט שוין דער ענין אַ גאַנץ אנדער פנים בעקומען. דער חתן איז שוין ניט גע־ווען מעהר אזוי שעמעוודיג ביי זיך און געווארען פיל דרייסטער. זיך גוט דורכגעשמועסט מיט דער כלה און זי האט שוין מיט גאַנץ אנדערע אויגען גענומען קוקען אויף איהם. ביסלעכווייז האט ער אָנגעהויבען איהר געפעלען צו ווערען, און בפרט ווען זי האט זיך צוגעקוקט אויף די דרייסטיגקייט און זיכערקייט, ווי דער דאָזיגער אינגעל רעדט אין לערנען מיט די גרויסע לומדים, וואס דאס איז געווען איהר אידעאַל צו בעקומען אַ מאַן אַ למדן, האט זי געגעבען איהר פולע צושטימונג און אין שטוב איז גע־ווארען שמחה וששון.

אין אַ האַלב יאהר ארום איז געווען מיט מזל חתונה, און די יונגע פאאר פאַלק זיינען אָנגעקומען אויף קעסט אין אָסטאַש־קעווע. די ערשטע יאהרען נאָך דער חתונה האבען זיי זעהר גליק־ליך פערלעבט, אין הויז איז געווען פון כל־טוב, דער שווער מיט דער שוויגער האבען דער שנור געליעבט ווי אַן אייגענע טאָכטער, דערקענענדיג איהר איידעלען כאראקטער און מיט וואס פאר אַ ליעבע און צערטליכקייט זי בעהאנדעלט זייער זוהן, ווי זי, די גרויסשטעדטישע, זוכט לאנגזאם און מיט שכל איהם אָבצוגעװע־וואוינען פון מאנכע ישוב'נישע מאניערען, ווי זי פאסט אויף אז ער זאל אין זיין פרייער צייט לערנען תורה און ליעב געהאט צו זיצען דערביי און זיך צוהערען ווי ער לערנט.

די דאָזיגע זעלטענע איידעלע פרוי, אַ חוץ וואס זי איז גע־ווען אַ געטרייע איבערגעגעבענע פרוי צו איהר מאַן, איז אויך אַ זעלטענע געטרייע מוטער, און אזוי ווי ר' משה אליעזר איז געווען כל ימיו אַ גרויסער טרוד, איז די גאַנצע ערציהונג פון די קינדער געלעגען אין איהרע הענט. זי האט שטענדיג געזארגט ניט בלויז פאר זייערע פיזישע ענטוויקלונג אליין, נאָר אויך פאר זייער

גייסטיגער ענטוויקלונג. אָט דאָס וואס די קינדער זיינען אויס־
געוואקסענע גערעטענע, פאר גאט און פאר לייטען, קומט איהר
דעם גרעסטען קרעדיט. און די קינדער ליעבען און עהרען איהר
טאקע זעהר און זעהר, און נאָך היינט צו טאָג איז איהרער אַ
ווארט ביי זיי טייער און הייליג.

4

די שווערע יאָהרען

ר׳ משה אליעזור׳ס זעבציג יאהר לעבען לאזט זיך איינטיילען אין ריכטיגע דריי חלקים: די ערשטע 20 יאהר, די מיטעלע 20 יאהר און די לעצטע 20 יאהר. די ערשטע צוואנציג יאהר, די יוגענד יאהרען, האט ער בכלל זעהר גוט און אנגענעהם פארבראכט, אויפגעוואקסען אלס א בן יחיד אין א הויז וואס האט זיך שטענדיג געפיהרט בהרחבה, א הויז וואו אלע האבען זיך מיט איהר געבענשט, פון אלעמען געליעבט און געצערטעלט און אליין שטענדיג לוסטיג און לעבעדיג געווען. זיך גליקליך פערהייראט, בעקומען א שעהנע, איידעלע פרוי, און ניט געוואוסט פון קיין שום דאגה און פון קיין שום צרות. אזוי איז איהם די צייט אוועקגעגאנגען ביז ער איז אלט געווארען 20 יאהר. פון דעמאלט אן האט זיך אנגעהויבען א סדרה פון שווערע יאהרען, וואס האבען אויך אנגעהאלטען קרוב פון צוואנציג יאהר. יאהרען פון צרות, פון דאגות־פרנסה און פון זיין נע־ונד. קודם־כל האט זיך אנגעהויבען די צרה פון אריבער פטור׳ן דעם פריזיוו, זייענדיג א שטארקער, געזונדער בחור אהן א פיצעל פעהלער, האט ער קיין שום אויסזיכט ניט געהאט בעפרייט צו ווערען אויפ׳ן געוועהנליכען וועג פון מיליטערדינסט. ער האט ניט געקענט מעהר פערבלייבען אויף זיין אָרט, געמוזט פערלאזען זיין היים און בלייבען בעהאלטען פאר א לענגערע צייט, און זיך אזוי אבגעמוטשעט איבער 3 יאהר, ביז ס׳איז איהם סוף־סוף געלונגען צו בעפרייען זיך פון פריזיוו.

אָבער באלד ווי עס האט זיך געענדיגט דיזע צרה האט זיך

אַנגעהויבען א סדרה פון „פראוואזיטעלסטווא“, ד. ה. צו האבען דאס רעכט צו וואוינען אין דארף צוזאמען מיט'ן פאטער. די ליבהארציגע רוסישע רעגירונג האט ארויסגעגעבען, אין יאהר 1882, א נעזעץ, אָדער ריכטיגער געזאגט אַ גזירה אויף אידען, די אזויגענאנטע „איגנאטיעווּשע מאי געזעצען“, אז קיין איד טאר ניט וואוינען אויסערהאלב פון די שטעדט, און נאָר די יעניגע אידען וועלכע האבען געוואוינט אויפ'ן ישוב איידער די געזעצען זיינען ארויס, מעגען דארטען ווייטער בלייבען וואוינען צוזאַמען מיט זייערע מינדיעהריגע קינדער, אָבער ווען אַ קינד ווערט אַלט 20 יאָהר טאָר ער שוין ניט מעהר בלייבען וואוינען אין דארף. א דאנק דעם דאזיגען בארבארישען געזעץ, האט ר' משה אליעזר זיך שוין ניט מעהר געקענט בענוצען מיט,ן פאטער'ס וואהן רעכט און איז געווארען געצוואונגען צו פערלאזען צוזאמען מיט זיין פרוי און 3 פיצעלעך קינדער דאס פאטערס הויז און דאס דארף אסטאשקעווע, וואו ער האט אזויפיל גוטע יאהרען פערבראכט. ער האט זיך באזעצט ניט ווייט פון פאטער אין דארף קארטניצע, אַן ערך 10 ווערסט פון דער שטעדטעל איליע, און ניט האבענדיג דאס רעכט צו וואוינען אויפ'ן לאנד, האט ער דארטען געמוזט לעבען בשתיקה פון דער רעגירונג, און זיך אויפהאלטען נאָר מיט'ן חסד פון דער אָרטיגער נאטשאַלסטווא.

אָבער לאנג האט ער דארטען ניט געקענט פערבלייבען, עס האט זיך דערפון דערוואוסט דער קרייזשעף (איספראווניק) און איהם בעפוילען אז ער זאל תיכף ארויס פון דארף. ניט אויספאלגענדיג באלד דעם בעפעהל, ווייל ער האט ווירקליך ניט געהאט וואו צו קעהרען זיך אום צו מאכען אַ לעבען, איז דער איספראווניק זעהר בייז געווארען און ארייגעשיקט צום סטאראסטע פון דארף אַ שטרענגען פריקאז, אז ער זאל מיט געוואלד תיכף ארויסטרייבען די פאמיליע קרעמער פון דארף, זיי ניט לאזען מיטנעהמען קיין זאך פון זייערע זאכען, אַ חוץ די קליידער וואס זיי טראגען אויף זיך. גראד אום ערב יום־כפור זיינען אריין צו ר' משה אליעזר אין שטוב א פאר געזונדע פויערם, און אין נאָ־

מען פון געזעץ באפוילען ער זאל תיכף מיט זיין פאמיליע פערלאזען דעם דארף. עס האט ניט געהאלפען קיין געבעט און קיין תחנונים, מען זאל כאטש ווארטען אַ פאר טעג ביז נאָך יום־כפור. ר׳ משה אליעזר האט געמוזט איינשפאנען זיין וועגעל און ארויפזעצען זיין ווייב מיט די 6 קליינינקע קינדער. די לופט האט געציטערט פון אלעמענס יאָמערליכען געוויין, נאָר ער אליין האט זיך מיט אלע כחות צוריקגעהאלטען ניט צו לאזען א טרער, כאטש דער שמערץ איז געווען אזוי שרעקליך, צו בלייבען שטעהן אויף דער וועלט מיט 6 עופ׳עלעך אהן אַ היים, ניט האבענדיג וואו דעם קאפ אוועקצולייגען און ניט וויסענדיג וואוהין זיך צו לאָזען. דאס איינציגע וואס ער האט געטהאן, געפאקט אויפ׳ן וואגען זאכען וויפיעל עס איז נאר מעגלאך געווען, און אז די פויערים האבען אָנגעהויבען צו פראטעסטירען, אָנווייזענדיג דעם איספראווניק׳ס בעפעהל, אז ער טאָר קיין זאך ניט מיטנעהמען, האט ער זיי מתרה געווען, אז אויב זיי ווילען בלייבען לעבען זאָלען זיי איהם ניט טשעפען. ער געפינט זיך צוליעב זיין פערצווייפלונג אין אזא לאגע, אז ער וועט זיך קענען שווער קאנטראלירען. די פויערים האבען זיך דערשראקען, איהם געלאזען נעהמען די זאכען, און איהם נאָך אליין געהאלפען פאקען.

ערב יום־כפור נאָך האלבען טאג איז דער אונגליקליכער אָנגעקומען מיט זיין אויסגעמוטשעטע פאמיליע אין דער דערבייאיגער שטעדטעל איליע. מיט צרות בעקומען א פאָאר חדרים וואו די קאפ אוועקצולעגען, און זיך גענומען ארום זעהן פון וואס א לעבען צו מאכען. האבענדיג א פערד מיט א וואגען און זייענדיג אַ שטארקער קרעפטיגער מענש, האט ער זיך געמאכט פאר אַ פרנסה צו פיהרען קלעצער פון וואלד, שטיינער פון פעלד און דעסגלייכען שווערע מלאכות. קיין זאך איז איהם ניט שווער געווען, מיט קיין זאך זיך ניט געשעהמט, און דאך זיינען אלע פרנסות קנאפ געווען אויף צו קענען מאכען אַ מענשליכען לעבען און דער פאטער האט שטענדיג געמוזט אונטערשטיצען. בכלל זיינען די פאָאר יאהר וואס ער האט פארבראכט אין איליע גע־

ווען די שווערסטע יאהרען פון זיין גאנצען לעבען. ס'איז גענוג טראגיש אז אזא געראטענער יונגער מאן, מיט תורה און חכמה, אויפגעוואקסען אין א שעהנע בעל־הבית'ישע הויז פון כל־טוב, האט נעביך געמוזט טהאן אלע עבודת פרך פאר דעם שטיקעלע ברויט. אין די שפּעטערדיגע גליקליכע יאהרען, פלעגט ר' משה אליעזער אָפּט ריידען פון זיין שווערען לעבען אין איליע, און מיט שפּאַס באמערקען אז איין גוטע זאך האט ער פון יענער צייט אָבגעשטעלט,־ וואס ער קען גאנץ תהלים אויף אויס ווייניג, זאגענדיג אויף אהין און צוריק, ווייל פאהרענדיג אויפ'ן וועג דורך פעלדער און וועלדער האט ער ניט אויפגעהערט צו זאגען תהלים.

זיך ארומזעהענדיג אז דאס איז קיין תכלית ניט, די קינדער וואקסען אונטער און דעם פאטערס עסקים איז שוין אויך ניט געווען מעהר אזוי גלענצענד, האט ער ביי זיך בעשלאסען צו פערלאזען אין גאנצען די פינסטערע רוסלאנד און פאהרען נאָך דער פרייער, ליכטיגער אַמעריקא און פּרובירען אָנפאנגען א נייעם לעבען. ער האט זיך וועגען דעם דורכגעשמועסט מיט'ן פאַטער, וועלכער האט אין אָנפאנג ניט שטארק מסכים געווען דערצו, אָבער נאָכדעם ווי דער פאָטער האָט איהם אמאָל בעגעגענט פאָהרענדיג דורכ'ן וואלד מיט א שווער בעלאדענעם וואגען קלעצער, ווען דער וואגען איז אריין אין א זומפּ און דער זוהן האט זיך שעה'ן לאנג געמוטשעט ארויסצושלעפען איהם, האט דער צערטליכער פאטער זיך שרעקליך פונאנדער געוויינט און מיט טרערען אין די אויגען איהם געגעבען זיין צושטימונג צו פאהרען קיין אמעריקא. ר' משה אליעזער האט זיך גענומען צוגרייטען צו דער ווייטער נסיעה, אבער אלע הכנות געמאכט בשתיקה ניט מצער צו זיין די פאמיליע, און בעת ער האט שוין געדארפט אָבפאהרען, איז די פוהר ניט צוגעפאהרען צום שטוב נאָר געווארט הינטער'ן שטאדט. ער האט זיך קאלט געזעגענט מיט דער פאמיליע, ווי ער וואלט געברויכט צו צופאהרען אין א דערבייאיגע שטעדטעל, און נאָר דער פאטער אליין האט איהם בעגלייט ביז הינטערן שטאדט.

וואו די פוהר האט אויף איהם געווארט. דאס געזעגענען זיך מיט זיין פאטער איז געווען א שרעקליך טראגישער, ביידע האבען שטארק געוויינט, עפעס ווי די הערצער וואלט זיי געזאגט אז זיי וועלען זיך שוין אין לעבען ניט מעהר זעהן.

פינף און צוואנציג.

5

דער אָנקומען אין אַמעריקא

מיט א זעהר שווער הארץ האט ר׳ משה אליעזר פערלאזען זיין היים, איבערלאזענדיג א ליעבע פרוי מיט 7 קליינע קינדער־לעך, איבערלאזענדיג זיינע ליעבע עלטערן, ברידער און שוועסטער מיט וועמען ער איז צוזאַמען אויפגעוואקסען, צו געהן אין א ווילד פרעמדע מדינה וואו ער האט ניט געהאט קיין גואל און קרוב. איז דאס נאך ווייניג, האט ער נאך געהאט אויסצושטעהן גענוג צרות און יסורים ביז ער איז געקומען צו זיין ציעל. ניט קענענדיג בע־קומען אן אויסלאנדפאס, האט ער געמוזט גנב׳ענען דעם רוסישען גרעניץ, און געמוזט א לאנגע צייט זיך וואלגערען ביז ער איז געקומען צום שיף. די נסיעה אויפ׳ן שיף איז איהם אויך ניט גע־ווען שטארק מקנא צו זיין, אבגעלעגען אין צווישען דעק גאנצע 3 וואָכען און געלעבט די גאנצע צייט פון געטריקענטע סוכארעס מיט וואסער, אן אויסגעמאטערטער און א פערמוטשעטער איז ער אָנ־געקומען אין ניויארק אין אָנפאנג זומער פון יאהר 1895, מיט ליידיגע קעשענעס אָבער מיט א פולען בטחון אז דער אויי־בערשטער וועט איהם ניט פערלאזען.

זיינער א לאנדסמאן און א ווייטער קרוב, א געוויסער מענ־דעל קרעמער, האט איהם אָבגענומען פון שיף, און איהם אוועק־געזעצט אין זיין שאפ ארבייטען ביי קינדערשע הויזקעס. איי־גענטלאך האט געדארפט זיין ביי מענדלען א גרויסער כבוד צו האבען ביי זיך פאר אן ארבייטער ר׳ מיכל קרעמער׳ס א זוהן, אָבער וועלענדיג ווייזען גדלות האט ער איהם זעהר ניט איידעל בעהאנדעלט, און איהם געגעבען אָפט צו מערקען אז ער איז דער באָס. אמאָל האָט ער איהם א זאָג געטהאָן: וואָס מיינסטו ביזט

אין דער היים ביי דער מאמען מיט'ן גרויסען וואוילטאָג פערגעס ניט אז דו ביזט אין אַמעריקא,וואו מען מוז יומם ולילה ארבייטען און פערשווארצט ווערען. דאָ האט זיך ביי ר' משה אליעזר'ן דער־וועקט זיין זעלבסטרעספעקט און איהם דארויף געענטפערט:

הערצו מענדעל, איך קען דיר פון דער היים ביזט דו א גאנץ קנאפער חכם געווען. אלא מאי אוירא דאמעריקא מחכים, אמע־ריקאנער לופט מאכט קלוג, טאָ פארגעס זשע ניט אז איך בין דאך אויך אין אמעריקא און שוין אויך א חכם געווארען, און די חכמה הייסט מיר אז איך זאל אוועק געהן פון דיר. און איז טאקע אוועקגעגאנגען, נאך ניט האבענדיג אן אנדער פלאץ וואו צו אר־בייטען.

די קורעניצער לאנדסלייט, קענענדיג איהם פון דער היים און וויסענדיג ווי ער איז ערצויגען געווארען, האבען געהאלטען, אז פאר איהם פאסט ניט צו זיין א פראסטער ארבייטער, און אזוי ווי ער איז א למדן און אַ פרומער יונגערמאן וואלט פאר איהם געווען פאסיגער אָנצונעהמען אַ דוכאָוונע שטעלע. זיי האבען שוין געהאט פאר איהם בעקומען א שטעלע פאר אַ שמש אין אַ היי־מישער קאנגריישאָן וואו ער האט געקענט האבען שעהנע חיונה. ער האט דאס אָבער בשום אופן ניט אָנגענומען, מיט דער דער־קלערונג אז ער וויל ניט פערקויפען זיין נשמה, געהן מאכען מי שבירך'ס יעדערן מחלל שבת, און האָט זיך בעסער פערדונגען פאר אַ פראָסטען ארבייטער ביי מאָטקע דעם שניידער.

דערווייל זיינען די פרוי און קינדער געווען אין איליע אויף גרויסענע צרות. זיין פאטער ר' מיכל האט אָנגעווענדעט אלע השתדלות ביי דער רעגירונג צו ערלויבען די עלענדע פרוי און קליי־נע קינדער צו וואוינען ביי איהם, כאָטש צייטווייליג ביז דער זוהן וועט קענען אָבנעהמען די פאמיליע צו זיך אין אמעריקא. ער האט דאס אָבער בשום אופן ניט געקענט דורכפיהרען, און אזוי איז די פאמיליע פערבליבען אין איליע גאנצע 4 יאהר. רחל עלקע ווי אן אמת'ע אשת חיל האט פערשטאנען מיט די ניט איבעריגענס פיל שטיצע וואָס זי האָט בעקומען פון די שוויגערעלטערן, וועלכע

זיינען אליין דאַמאָלסט געווען אין אַ געדריקטע לאַגע, זיך איינ־צוטיילען צו קענען דורכלעבען די שווערע צייט. זי האַט ערצויגען די קינדער לייטען גלייך און זיי געגעבען אין די בעסטע חדרים. אפילו נאָכדעם ווי עס האַט שוין אָנגעהויבען אָנצוקומען געלד פון אמעריקא איז די לאַגע אויך ניט פיל בעסער געוואָרען. בסך הכל האַט ער אין דער ערשטער צייט פערדינט קנאַפּע 3 דאָלאַר אַ וואָך. אליין געלעבט ממש אויף ברויט מיט וואַסער און דאָס לעצטע אַ היים געשיקט. ניט ווינציג טרערען האַט זי, די געטרייע פרוי, און זיין ליעבע מוטער פערגאָסען בעת זיי האָבען בעקומען פון איהם די „פרעהליכע" בשורה, אַז ער איז אָנגעקומען פאַר אַן ארבייטער ביי מאַטקע דעם שניידער, דער אַמאָליגער שניידער פון זייער משפחה, און אַז ער דאַנקט נאָך מאַטקען וואָס האַט איהם אויסגעלערענט ווי ריכטיג צו האַלטען אַ נאָדעל און די קונסט פון אַפּערייטעריי. נעכט האָבען זיי דורכגעוויינט זיך בערעכענענדיג צו וואָס פאַר אַ מדרגה איז געקומען זייער משה אליעזר, דער למדן און דער חכם, מיט וועמענען אַלע האָבען זיך אין דער היים געבענשט.

אָבער נאָר אַ קנאַפּען יאָהר האַט ער געאַרבייט ביי אַנאַנדערן אַלס לוין ארבייטער. אַ דאַנק זיין ענערגיע און פעהיגקייט האַט ער זיך ענדע יאָהר ארויפגעאַרבייט צו זיין אליין אַ באָס, געמאַכט שותפות מיט נאָך איינעם און געוואָרען אַ קאָנטראַקטאָר. מיט דער צייט האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט די מלאכה פון צושניידען, און מיט זיין שאַרפען שכל האָט ער אויסגעפונען נייע מעטהאָדען אין צושניידען הויזענס, אַז ער איז אין שטאַנד געווען אויפצונעהמען די קאָנקורענץ מיט גרעסערע קאָנטראַקטאָרס. נאָכהער האַט ער בעקומען אַ גוטען שותף וועלכער האַט זיך אָבגעגעבען מיט אָננעמען בעשטעלונגען און מיט אָבפיהרען די פאַרטיגע סחורה, אַזוי אַז ר' משה אליעזר האַט געהאַט די מעגליכקייט צו קענען שטענדיג פערבלייבען אין שאַפּ און ארבייטען ניט געשטערטערהייט. און טאָקע געאַרבייט טאָג און נאַכט, און מאַנכעסמאָל ביז 18 שעה אין מעת לעת, און געשלאָפען אין שאַפּ. אַזוי האַט ער אַנ־

געהויבען ביסלעכווייז זיך ארויפצוארבייטען, שוין געהאט איינעגע ארבייטער, דער רעדיל האט זיך א דרעה געטהאן, די זון פון הצלחה האט אנגעהויבען ביי איהם צו שיינען, און צום סוף פון דריטען יאהר האט ער שוין געהאט בכח אריבער צו נעהמען די פאמיליע קיין אמעריקא, און דערמיט פאנגט זיך אן א נייע תקופה אין זיין לעבען.

6

די גליקליכע יאָהרען

אזוי ווי די ערשטע 20 יאָהר פון זיין לעבען אזוי זיינען געווען די לעצטע 20 יאהר פול מיט פרייד און הצלחה. געהאט גרויסע הצלחה ניט נאָר אין זיינע ביזנעס ארויפארביי־טענדיג זיך צו דער מדרגה פון א גרויסען מאנופעקטשורער, נאָר אויך אין אלע ענינים צו וואס ער האט זיך גענומען. מיט'ן בריינ־גען זיין פאמיליע, אין אָנפאַנג יאהר 1899, האבען זיך געענדיגט זיינע 4 גלות יאהרען, יאהרען פון שווערע ארבייט און פון זיין נע ונד, איינגעפיהרט א בכבוד'יגע אידישע הויז נאָכ'ן היימישען שטייגער, וואס איז מיט דער צייט געווארען איינע פון די שעהנ־סטע אידישע הייזער אין שטאדט ניו־יארק. אין דער ערשטער צייט האט ער נאָך געוואוינט אויף דער איסט־סייד אין ניט זעהר בע־קוועמע דירות, ווייל לעבענדיג מיט א תכלית האט ער מורא גע־האט ארויפצוציהען אויף זיך א גרויסע הוצאה, כאָטש די ביזנעס האבען זיך פערבעסערט און פערגרעסערט פון טאָג צו טאָג, און איז דארט פערבליבען ביז צום יאהר 1906, ווען ער האט געקויפט אן אייגענע הויז אין בעט־ביטש, ברוקלין, און אָנגעהויבען צו לע־בען מעשה גביר מיט גרוים רהבות.

בעט־ביטש איז מיט 20 יאהר צוריק געווען איינע פון די פארנעהמסטע זומערפלעצער ארום ניויארק. אידען זיינען דא־מאָלסט נאָך זעהר ווענינ געווען אין יענעם געגענד, און אזוי ווי ס'איז איהם שווער געווען צו בעקומען א מנין אויף שבת פלעגט ער אויף יעדען שבת מיטנעהמען אורחים פון ניו־יארק. אמת אז אין זיין שכונה, אין דער 22טער סטריט האָט זיך געפונען א שול,

די איינציגע שול פאר בעט־ביטש און בענסענהורסט פון יענער צייט, אָבער אזוי ווי בענסענהורסט האט נאָך דאמאלסט ניט געהאט אזעלכע שעהנע אידען ווי היינט און די הנהגה פון דער שול איז ניט געווען גענוג ארטהאדאקסיש, האט איהם בעוואויגען צו מאכען א מנין פאר זיך. נאָכדעם ווי מיט דער צייט האבען זיך אָנגעהויבען מעהר אידען צו באזעצען אין יענער געגענד, האט ר׳ משה אליעזר אויסגעבויט ביי זיך אין הויף א בעזונדער שול צו דאווענען און צו לערנען. דער צאהל מתפללים האט זיך פארגרעסערט פון יאָהר צו יאָהר, דארונטער אידען נכבדים וואָס זיינען געווען א צירונג פאר דער שול. איינער פון די ערשטע מתפללים איז געווען דער בעוואוסטער נכבד ר׳ שמואל הלל אייזיקס, וואס צוליעב זיין כבוד האט מען גדאווענט נאָכ׳ן נוסח אשכנז, ניט קוקענדיג וואס ר׳ משה אליעזר אליין, א געבארענער חב״ד׳ער חסיד האט שטענדיג גדאווענט ע״פי נוסח הא״רי. ערשט שפעטער בעת מר. אייזיקס איז אוועקגעצויגען פון דארטען האט מען איינגעפיהרט דעם נוסח הא״רי נאָכ׳ן אַלטען רבי׳נס סדור, וואס אזוי פיהרט זיך נאך היינט. דער ש״ץ פאר דער גאנצער צייט איז דער למדן און ירא שמים ר׳ יצחק עפשטיין, א לאנדסמאן פון ר׳ משה אליעזר׳ן, און ער צוזאמען מיט ר׳ אברהם קאפלאן, א איד א תלמיד חכם און א נהנה מיגיע כפו, האבען זיך איבערגענומען ווייטער פארטצוזעצען ר׳ משה אליעזר׳ס שעור גמרא און צו לערנען מיט׳ן עולם אלע טאָג נאָכ׳ן דאווענען א פרק משניות אינ׳ם יאהר פון אבלות.

זעלטען ווען א מענש האט אזוי כשר פערדינט זיך צו ערווערבען א שעהנעם נאָמען ווי ר׳ משה אליעזר קרעמער. ער איז ניט געווען קיין כבוד־זוכער, ניט געשטרעבט נאָך א קלינגענדיגען נאָמען. ניט געגארט נאָך פּאָפּולאריטעט. און דאך איז ער אנערקענט געווארען פאר איינעם פון די שעהנסטע ארטהאדאָקסישע אידען אין אמעריקא, וואס האט זוכה געווען צו אפעראייניגונג תורה וגדולה. יששכר און זבולון אין איין פערזאן. דער געוואלדיגער רושם וואס האט געמאכט אין דער אידישער געזעלשאפט זיין

פריהצייטיגער טויט, דיענט פאר׳ן בעסטען בעוויז די גרויסקייט פון זיין פערזענליכקייט, וואס איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון תורה, צדקה און מעשים טובים.

אמת, עס געפינען זיך נאָך היינט דאָ אין ניויארק א רעכט ביסעל לומדים, גרעסערע און קלענערע, אָ ב ע ר דער רוב פון זיי זיינען לײדער שוואכע בעלי־צדקות, צו זיי ווילען ניט אָדער קען־נען טאָקע ניט; זיינען פאראן ביי אונז זעהר שעהנע בעלי־צדקות, אמת׳ע פילאַנטראָפּען, וועלכע ספּענדען קאָלאָסאלע סומעס פאר וואוילטהעטיגע צוועקען — אָבער דער חסרון איז, וואס זיי גיבען נאָר צו אזעלכע ענינים וואס האבען אַ קלאנג און א פרסום; מיר האבען ביי אונז מענשען מיט ווייכע רחמנות׳דיגע הערצער, טהוען פיל צדקה און העלפען אָרימע און בעדריקטע — אָבער אלץ אויסערן הויז איבערן שוועל פון זייער הויז טאָר דער אָרימאן ניט איבערגעהן. עס גיבען נאָך היינט ביי אונז מענשען וואס האלטען שטארק פון דער מצוה „גמלות־חסדים״ — אָבער אלץ נאָר מיט זייער געלד ניט מיט׳ן גוף. וואס אין כמה פרטים איז דאס נאָך וויכטיגער. עס געפינען זיך ביי אונז נאָך זעהר פרומע אידען, אמת׳ע יראים, מדקדקים במצוות — אבער אלץ נאר אין שול און אין גאס, זייערע הייזער האבען שוין, לײדער אַ גאנץ אַנדער פּנים. עס זיינען פאראן אויך מענשען וועלכע האבען דאך די אלע אויסגערעכענטע מעלות — אָבער די גאוה, דאס בלאָזען פון זיך פערדונקעלט און פערמינדערט זייער ווערט.

גאנץ אַנדערש איז געווען ר׳ משה אליעזר קרעמער. ער גע־הערט ווירקליך צו די יחידי סגולה, געהאט די אלע אויבען דער־מאָהנטע מעלות אָהן די „אָבערס״. ער איז געווען א איד אַ למדן. אי אַ בעל־צדקה, אי אַ מכנים אורח, אי אַ גומל חסדים מיט זיין געלד און מיט זיין גוף. אי אַ ירא־שמים מיט אַ פרומע כשר׳ה הויז, און די קרוין פון אלע זיינע מעלות איז געווען זיין עניוות. און כדי צו האבען א קלאָרען בעגריף פון אלע זיינע גוטע מעלות, וועלען מיר זיי כסדר איינציגווייז אילוסטרירען אין בעזונדערע קאפּיטלעך, אָנהויבענדיג מיט דער מעלה פון למוד התורה.

צוויי און דרייסיג

7

דער למדן

אויף ר׳ משה אליעזר קרעמער איז ווירקליך מקוים געוואָרען דער מאמר חז״ל „כל המקיים התורה מעני סופו לקיימה מעושר״. ווער עם לערנט תורה אין ארמוט איז זוכה צו לערנען אין עשירות. בעת ער האָט נאָך געאַרבייט אלס פראָסטער שאָפּ ארבייטער 12 שעה אַ טאָג און נאָך מעהר, פלעגט ער זיך זעהר אָפּט אָברייסען פון שלאָף און ארייננכאַפּען לערנען, און דאריבער האט איהם טאקע דער אויבערשטער געהאלפען צו קענען לערנען תורה מיט רחבות און אין אַ אייגענעם בית־מדרש. ער איז קיינמאָל ניט אויפגעשטאנען שפּעטער ווי 4 א זייגער פארטאָג, זיך תיכף געזעצט לערנען און געלערנט ביז ער האט געדארפט פאהרען אין געשעפט.

ער האט זיך ניט בענוגענט מיט׳ן לערנען פאר זיך, נאָר אויך געזוכט מיט אנדערע צו לערנען, געגרינדעט אין זיין בית־מדרש אַ חברה ש״ס און געזאגט אליין דעם שיעור. אין אַ משך פון 10 יאהר האט ער דורכגעזאגט גאנץ ש״ס און שוין געהאט אָנגעהויבען צו זאָגען אַ צווייטען מאָל, ליידער אָבער האט ער נאָר דערגרייכט ביז דף נ״ז מסכת שבת, און דעם לעצטען בלאט גמרא האט ער געזאגט אַ וואך פאר זיין טויט. עס וואלט ביי איהם רעכט געווען צו זאגען דעם שיעור אלע טאָג, אָבער זיינע צוהערער, בעשעפטיגטע מענשען און לוין אַרבייטער, האבען נאָר צייט געהאט שבת׳דיגען טאָג, און אין דעם איין איינציגען טאָג פלעגט מען צוזאמען לערנען כמעט ווי פאר דער גאנצער וואך. מען האט געלערנט פרייטאָג אָוועטנד נאָכ׳ן עסען, שבת אין דער פריה פאר׳ן

דאוונען, שבת ביי טאָג און מוצאי שבת פאר מלוה מלכא. געזאגט האט ער דעם שיעור מיט גרויס הבנה און א דאנק זיין מוסטערהאפטע הסברה, האבען זיינע צוהערער, אידען הארעפאשניקעס, אין משך פון יאהרען א גרויסע פעולה געטהאָן. נאָך יעדער גרעסערע מסכת פלעגט ער פראווען מיט גרויס פאַראד א סיום, מאכען א סעודה פאר זיינע תלמידים און נאָך לאדען זייטיגע געסט בני תורה.

דער סיום הגדול אויף גאַנץ ש״ס, וועלכער איז געפייערט געווארען י״ט כסלו תרפ״ה אין דער „צמח צדק שול נוסח הא״רי״ אויף הענרי סטריט, איז געווען איינע פון די זעלטענע ערשייבונגען וואס איז ווען פארגעקומען אין ניויארק. עס זיינען צונויפגעקומען איבער 200 לומדים, דארונטער בעוואוסטע רבנים פון ניויארק, פון פאסייק, פון נוארק און אנדערע שטעדט, און פיל פראמינענטע בעלי־בתים און משכילים. אן ערך 10 שעה האבען געדויערט די הדרן׳ס און די רעדעס. אויף זיינע אייגענע קאָסטען האט ר׳ משה אליעזר צוגעגרייט א גרויסארטיגע סעודה און דער עולם האט זיך שטארק משמח געווען, חסידים האבען געזאגט תורה און מתנגדים האָבען געזונגען חסידישע נגונים. אינטערעסאנט, אז דער בעל־שמחה אליין האט זיך ניט געלאזט זעצען אוייבען־אָן, נאָר די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן א זייט און בעדיענט די אורחים.

די ח״זל זאגען, תלמידי חכמים „כל זמן שמזקינין דעתן מיושבת עליהן״.וואס א תלמיד־חכם ווערט עלטער פערמעהרט זיך זיין וויסען, און דאס האט מען געקענט בעמערקען ביי ר׳ משה אליעזר׳ן, וואס עלטער ער איז געווארען איז זיין לומדות אלץ מעהר און מעהר געשטיגען. בכלל געווען שטענדיג אריינגעטהאן אין לערנען אפילו אין דער ביזנעס צייט, און וויפיל מאל פאהרענדיג אין סאָבוויי פלעגט ער זיך מאכען אויף א פאפיר פערשיידענע נאָטיצען און ציורים צו אן ענין וואס ער האט גראד געהאלטען דערביי. זיין כח הזכרון איז ביי איהם ביז זיין לעצטער מינוט שטארק געווען ווי ביי א יונגען מאן. ער איז געווען א בקי

כמעט אין גאנץ ש"ס, און געהאט בכה איבערצוזאגען אויף אויס־ווייניק גאנצע שטיקער גמרא, ווארט אין ווארט ווי עס שטעהט.

ר' משה אליעזר איז אפשר געווען דער איינציגער בעל־הבית'ישער למדן, וועלכער האט אין אמעריקא צוגעלערנט און קונה שלימות געווען. געוועהנליך האלט מען אמעריקא פאר א מדינה וואס אוכלת לומדיה, דאס רוב אריבערגעקומענע לומדים פערגע־סען מיט דער צייט די תורה וואס זיי האבען געלערנט אין דער היים, פון ווערען גרעסערע לומדים איז שוין גאר קיין רייד ניט. ביי ר' משה אליעזר'ן איז דאס געווען דער היפוך, אין דער היים איז ער דוקא א קנאפער מתמיד געווען און דאס רוב געלערנט אויבערפלעכליך, און דא אין אמעריקא איז ער ערשט געווארען א געוואלדיגער מתמיד און א גרויסער למדן. אמת, אז אין דער ערשטער צייט פון זיין קומען אהער, זייענדיג פעריאגט און צו־בראכען פון גרויס ארבייט און דאגות חיונה, האבען איהם ניט געדיענט זיינע כחות זיך צו פערטיעפען אין לערנען גמרא מיט תוספות און פלעגט מעהרסטענס לערנען מדרש און עין יעקב, אבער שפעטער אז ער האט שוין זוכה געווען לקיים התורה מעושר, האט ער זיך ארייגעטהאן מיט אלע כחות אין לערנען ש"ס, און געקענט אבזיצען שעה'ן לאנג זיך מאטערן אויף א הארבע שטיק גמרא ביז ער האט איהר גרונטיק פערשטאנען, און אין פערלויף פון יאהרען טאקע געטהאן א געוואלדיגע פעולה. כאטש ער איז אויפגעוואקסען אין א חסידישע הויז, און אליין געווען כל ימיו א ווארימער חסיד, דאך האט ער זיך ווייניג וואס אבגעגעבען מיט לערנען חסידות און מעהר עוסק געווען אין לערנען גמרא. ער איז אויך געווען א גרויסער בעל־תנ"ך און געהאט שעהנע בקיאות אין זהר און אין מדרשים, אבער אזוי ווי ער האט שטארק געהאלטען פון „ובתורה אתה עמל", אז מען מוז הארעווען אויפ'ן למוד התורה, דאריבער האט ער טאקע מעהר עוסק געווען אין לערנען גמרא מיט תוספות, אויף וואס מען דארף זיך מעהר מא־טערן און הארעווען.

חוץ וואס ער איז געווען א למדן און אליין פיל געלערנט

האט ער אויך תמיד געשטרעבט אז אנדערע זאלען לערנען. בעת מען האט געפייערט דעם אויבען דערמאהטען סיום הגדול האט ר' יעקב מארק, איינער פון די געלארענע געסט, מציע געווען צו גרינדען א „חלוקת־הש"ס, ד. ה. אז יעדער למדן זאל זיך מתחייב זיין אויסצולערנען אין א משך פון א יאהר א געוויסע מסכת, וועלכע ער וועט זיך אליין אויסקלייבען, און איבער א יאהר אום י"ט כסלו זאלען אלע דא צונויפקומען און יעדער וועט מסים זיין די מסכת וואס ער האט געלערנט און אלע צוזאמען וועלען פייערן א סיום הגדול אויף גאנץ ש"ס. ר' משה אליעזר'ן איז דאס זעהר געפעלען געווען און האט זיך אונטערגענומען אליין ארומצוגעהן ביי אלע לומדים וועלכע ער קען און „פעדלען" מיט די מסכתות, געבען יעדערן זיך אויסצוקלייבען וועלכע מסכת ער וויל. ווי גליקליך איז ער געווען אז אין א משך פון א פאאר וואכען איז איהם געלונגען צו פערטהיילען אלע מסכתות, און אויף מאנכע מסכתות האט ער גאר געקראגען אייניגע בעלנים. ער האט אויך אויף זיך גענומען די ארבייט צו דערמאהנען פון צייט צו צייט יעדערן איינציגען, צו ערפיהלען זיין התחייבות, אבער אזוי ווי ר' משה אליעזר איז ליידער שוין ניט מעהר דא צו דערמאהנען איז מעגליך אז מאנכע איינער האט שוין גאר אין גאנצען פארגעסען אן זיינע התחייבות, וואס דאס איז כמעט ווי א נדר, דאריבער געפינען מיר פאר נייטיג דא צו פערשרייבען די נעמען פון די חברים און פון די מסכתות, אות באות ווי מיר האבען געפונען פערצייכענט אין זיין נאטיץ־ביכעל.

ברכות, ס"ד דפים	משה אליעזר קרעמער
שבת קנ"ז דפים	משה אליעזר קרעמער
ערובין ק"ה דפים	בנימין טאפער
פסחים, קכ"א דפים	חיים קאפלאן, מנחם מענדיל העלפגאט
ביצה, מ' דפים	אברהם מאזער, נפתלי הערץ ליבערמאן
חגיגה, כ"ז דפים	ברוך קאפילאוויץ, חיים צבי היילברייך
מועד קטן, כ"ט דפים	חיים צבי היילברייך

ראש השנה, ל״ה דפים	משה ב״ר אלימלך, חיים דוד ראפפאפארט
יומא, פ״ח דפים	זעליג ב״ר אברהם, דוד שרייבער
סוכה, נ״ו דפים	חיים מאנטעל
תענית, ל״א דפים	מאיר בארקאן
מגילה, ל״ב דפים	מתתיהו ב״ר מאיר
יבמות, קכ״ב דפים	יהודה קאמינסקי
קדושין, פ״ב דפים	יצחק יוסף עפשטיין
גטין, צ׳ דפים	יצחק יוסף עפשטיין
נדרים, צ״א דפים	אברהם קאפלאן
נזיר, ס״ו דפים	אברהם קאפלאן
סוטה, מ״ט דפים	אפרים שעוויץ, אבא פרידמאן, מנחם מענדיל ראטנער.
בבא קמא, ק״יט דפים	יעקב קאצאנעלסאן, אברהם שאול לעווין
בבא מציעא, ק״יט דפים	יעקב קאצנעלסאן, אברהם שאול לעווין
בבא בתרא קע״ז דפים	עקב מארק
עבודה זרה, ע״ו דפים	פייבוש פרידמאן
סנהדרין, קי״ג דפים	חיים אלחנן פאגעלמאן
שבועות, מ״ט דפים	נפתלי הערץ ליבערמאן
מכות, כ״ד דפים	יצחק הלוי
הוריות, י״ד דפים	פייבוש פרידמאן
זבחים, ק״כ דפים	מתתיהו ב״ר מאיר
מנחות, ק״י דפים	נפתלי הערץ ליבערמאן
בכורות, ס״א דפים	אבא פרידמאן
חולין, קמ״ב דפים	שמואל גארדאן
ערכין, ל״ד דפים	חיים שניידערמאן
תמורה, ל״ד דפים	חיים שניידערמאן
כריתות, כ״ח דפים	חיים שניידערמאן, דן תומארקין
מעילה, כ״ב דפים	חיים שניידערמאן, דן תומארקין
תמיד, ל״ג דפים	חיים שניידערמאן, צבי ב״ר יצחק
נדה, ע״ג דפים	דוד שיפרין

8

דער בעל צדקה

דער משורר פון תהלים וויל אָנווייזן דעם דרך פון צדקה געבען, דריקט ער זיך אויס אין פאלגענדע ווערטער: „פזר נתן לאביונים צדקתו עמדת לעד קרנו תרום בכבוד" (תהלים קאפ. קי"ב פסוק ט') און וויל דערמיט זאָגען, אז עס זיינען פאראן דרייערליי אַרטען צדקה: ערשטענס, צו געבען יעדען איינציגען ווער עס שטעקט אויס אַ האנד ניט זוכענדיג קיין תכליתים, אַ הונגעריגנגען אויף ברויט און אַ נאקעטען אויף אַ קלייד. צווייטענס, צו שטיצען וואוילטהעטיגע אנשטאלטען וואס האבען אַ געוויסען צוועק און אַ בעשטענדיגען קיום, ווי למשל: האספּיטאלער, אנשטאלטען פאר זקנים, פאר יתומים און דערגלייכען. דריטענס, צו העלפען געבראכענע מענשען בדרך כבוד, אז זיי זאָלען האבען די מעגליכקייט זיך ווידער ארויפצוארבייטען און ניט מעהר ברויכען פרעמדע הילף. אַט די אלע 3 ארטען צדקות האט ר' משה אליעזר מיט אַ ברייטער האנד מקיים געווען.

„פזר נתן אביונים", געגעבען געלד אויף רעכטס און לינקס ניט אָבגעזאגט קיינעם ווער עס האט אויסגעשטרעקט אַ האנד נאָך אַ נדבה, „צדקתו עמדת לעד", געווען אַ מיטגליעד אין צעהנדליגער חברות און אינסטיטושאָנס און בייגעטראגען מיט אַ ברייטער האנד, אַ חוץ דעם זיך בעטהייליגט מיט גרויסע סומעס אין די עקסטרא „דרייווס" וואס די אינסטיטושאָנס פעראנשטאלטען פון צייט צו צייט, און אונטערשטיצט אַזעלכע בתי־צדקה ניט בלויז אין ניו יארק נאָר אויך אויף יענער זייט ים. „קרנו תרום בכבוד" ער האט פערהאלפען אַ סך מענשען אין אַ קריטישען מאָמענט, און מאנכע מיט גאנץ היבשע סומען, אזוי אז זיי

זאָלען ניט דאַרפען אונטערגעהן און זאָלען קענען בלייבען ביי זייערע בכבוד'יגע נעמען, א זאך וואס נאָכ'ן אידישען דין רעכענט זיך דאס פאר דער העכסטער מדרגה פון צדקה. א חוץ דעם האט ער אויסגעגעבען מאסען געלד פאר קיום התורה, געשטיצט מיט א ברייטער האנד, תלמוד תורה'ס, ישיבות און דערגלייכען, דאָ אין אמעריקא און אויף יענער זייט ים.

עס לאָזט זיך ניט פעסטשטעלען וויפיעל אַן ערך ער האָט אויסגעגעבען יעהרליך אויף צדקה ענינים, ווייל ווי א פארציי־טיגער איד האט ער ניט געהאלטען פון פארשרייבען אזעלכע זא־כען און געהן פיהרען א חשבון מיט'ן רבונו של עולם, אָנשריי־בען אויף זיין „דעבעט" די אלע געלדער וואס ער גיט אוים פון זיינעטוועגען אויף צדקה, ובפרט אז א גרויסער טהייל פון זיין צדקה איז בעשטאנען פון „מתן בסתר", און ניט געוואלט אז אפילו די קינדער זאלען דערפון וויסען. עס קומט איהם נאָך מעהר קרע־דיט פאר זיין צדקה ווי אַן אנדערן, ווייל פון דער נאטור איז ער געווען קארגליך און פאר זיך האט ער זיך פשוט ניט פארגונען אויסצוגעבען אַן איבריגען סענט אויף לוקסוס זאכען און בכלל גע־לעבט שטענדיג מיט א חשבון. דאגעגען אָבער אויף צדקה ענינים איז ער געווען זעהר ברייטליך און ניט געוואלט וויסען פון קיין שום חשבונות, די רחמנות'דיגע הארץ האט געגעבען און ווידער געגעבען, ניט פרעגענדיג ביי'ם שכל אויב מען דארף געבען אָדער ניט. און ווייל דאס הארץ האט געהייסען געבען, האט ער זיך ניט אָבגעשטעלט צו העלפען אויך אזעלכע, וואס זייערע געזינונגען זיינען זעהר ווייט געווען פון זיינע, און ניט אכטענדיג וואס ער האט זעהר ניט ליעב געהאט א ניטפרומען.

געוועהנליך א מענש מיט אזא דרך מוז אָפט קומען צו ענ־טוישונגען, און ניט איינמאָל האבען איהם מענשען, וועמען ער האט געטהאן גרויסע טובות, מיאוס אָבגענארט. ער האט אָבער ניט נאָכגעטראגען קיין שום שנאה צו די דאזיגע מענשען, און איהם האט דאס ניט צוריקגעהאלטען פון געהן ווייטער אין זעלבען דרך ביז צום סוף פון זיין לעבען. נאָך מעהרער — ער פלעגט נאָך

שטענדיג זוכען זכותים אויף די דאָזיגע מענשען, און אין דיעזען פּרט איז ער ווירקליך געווען א טיפּ וואס מען געפינט זעלטען. איינער האט אמאָל ביי איהם פערנומען אויף א שענדליכען אופן גאַנצע אכט טויזענד דאָלאר, בעת ער איז נאָך ניט געווען אזוי רייך, און לאַ־די, וואס ער האט ניט געוואלט מאכען וועגען דעם אן איבעררייד, האט ער זאגאר ניט געוואלט ליידען וואס די בני ביתו האבען וועגען דעם גערעדט. זיינע נאָהענטע מקורבים ווייסען צו דערצעהלען א סך אזעלכע מעשיות. מיר וועלען דאָ אלס כאראקטער שטריך נאָר ברייגען פאלגענדען פאקט:

ביי איהם אין געשעפט האט געארבייט איינער אן עלטערער מענש, וועלכער האט בעקומען בעצאהלט ווי אלע ארבייטער, כאָטש קיין גרויסע זאכען האט ער שוין ניט געקענט אויפטהאָן. שפּעטער אז ער האט שוין ממש גאר ניט געקענט לייסטען, האט ער איהם ענטלאסען און פון רחמנות וועגען איהם געגעבען א פּענסיע צו קענען מאכען א לעבען. 5 יאהר צייט האט ער איהם אזוי געצאהלט און דערנאָך האט ער אויסגעגעבען נאָך 300 דאָלאר און איהם אריינגעבראכט אין א מושב־זקנים. דארטען איז דער זקן קראנק געווארען אויף א פוס וואס מען האט געמוזט ארונטערנעהמען און ער איז געשטאָרבען ביי דער אָפּעראציע. מענשען וואס האבען דעם אלטען געקענט האבען דערצעהלט ר׳ משה אליעזר׳ן אז פון איהם איז געבליבען א סך געלד, און האבען באַליידיגט דעם פערשטארבענעם פאר זיין ניט שעהנע האנדלונג. ר׳ משה אליעזר האט זיך אויף זיי אָנגעערגערט און מוחל געווען דעם אַלטען במחילה גמורה אויף די געלד וואס ער האט אפשר פון איהם אויסגענארט. נאָך מעהרער, ער איז א פּאָאר טעג וועגען איהם ארומגעלאָפען און גרוים כחות אוועקגעלייגט, ביז ער האט געפּועל׳ט ביים דאָקטאָר פון האָספּיטאל איהם ארויסצוגעבען דאָס אָבגעשניטענע פוס, צו ברייגען לקבורה צוזאמען מיט׳ן מת.

נאָך דער מלחמה האט זיך אָנגעהויבען א „סדרה קורעניץ״, געפאהרען אהין און פערספּענדעט שווערע טויזענדער, אָבער וועגען דעם וועט בעשריעבען ווערען אין א בעזונדער קאפּיטעל.

דער מכנים אורח

יעדע מצוה האט איהר מזל, זיינען פאראן אזעלכע מצוות וואס אלע כאפען זיך זיי מקיים זיין און וואס זיינען אפשר גאר ניט אזוי וויכטיג, און עס זיינען דא מצוות וואס שטעהען ברומו של עולם און מען פערנאכלעסיגט זיי. למשל די מצוה פון „הכנסת אורחים”, וואס אונזערע חכמים מאכען פון איהר אזא פאראד און זאגען אז „גדולה קבלת אורחים יותר מקבלת פני השכינה”, און זעלטען ווער אפילו פון די פרומסטע אידען איז איהר מקיים. דער איינציגער, ווירקליך דער איינציגער, אין ניויארק און אפשר אין גאנץ אמעריקא, וואס די דאזיגע מצוה איז געווארען א טראדיציע אין זיין הויז, איז געוועזען ר׳ משה אליעזר קרעמער. די שעהנע מידה פון הכנסת אורחים אין קרעמער׳ס הויז איז שוין געווארען לעגענדאריש, אויך די פרעסע האט זיך שוין מעהרער מאל אבגעשטעלט אויף דער דאזיגער וואונדערבארער ערשיינונג, וואס מען זעהט דאס זעלטען היינטיגע צייטען ובפרט אין א גרויסער שטאדט. מען קען ניט זאגען עס געפינען זיך היינט אין ניויארק א רעכטן ביסעל מענשען מיט וייכע הערצער און מיט ברייטע הענט, וועלכע זיינען גרייט העלפען נויטליידענדע, איהר וועט אבער ביי זיי ניט פועל׳ן צו ווערען מיט׳ן ארימאן „נאש־בראט”, גוט ברודעריש, איהם צו זעצען ביי׳ם טיש צוזאמען מיט דער פאמיליע און איהם נאך געבען נאכטלעגער אין זיינע שעהנע צימערען. אויב איינער וואלט שוין דאס יא וועלען, וויל דאס אבער די פאמיליע ניט און צוליעב דעם צוברעכען דעם שלום־בית ווילט זיך אויך ניט, ובינו לבינו ווערט

פערגעסען די וויכטיגע שעהנע מדה פון הכנסת אורחים, וואס עק־זיסטריט ביי אידען פון אברהם אבינו אָן.

קרעמער'ס הויז אין בעט־ביטש איז ווירקליך דאס איינציגע הויז וואס מען שעהמט זיך ניט צו עסען צוזאמען מיט אורחים אויף איין טיש, מעגען זיי זיין פארצייטיגע בטלנים, מעגען זיי געהן אָבגעריסען, מעגען זיי אפילו זיין ניט אנציהענד אין אויס־זעהן, בעהאנדעלט ווערען זיי ווי די רייכסטע געסט און מען אונ־טערהאלט זיך מיט זיי ווי מיט זייער גליבען, און אז ס'איז נויטיג צו לעגען די אורחים שלאפען איז יעדער פון דער פאמיליע גרייט אָבצוגעבען די בעט.

א פנים אז די דאזיגע מדה איז אן אלטע טראדיציע אין דער פאמיליע קרעמער. ר' משה אליעזר האט דאס גע'ירש'נט פון זיין פאטער ר' מיכלען, וועלכער איז בעוואוסט געווען אין פיל שטעדט ארום פאר א זעלטענעם מכנים־אורח, און פון קינדוויז אן האט ער זיך צוגעוואוינט צו בעדינען אורחים, באלד ווי ער איז אוועק פון פאטער און אָנגעהויבען צו פיהרען א הויז פאר זיך, האט ער גלייך גענומען פארטזעצען די טראדיציע, ניט קוקענדיג אויב ס'איז גע־ווען נענוג צו עסען פאר זיך און פאר דער פאמיליע, פאר אורחים האט אָבער אלעמאָל געמוזט זיין. אין די ערשטע יאהרען אין אמע־ריקא, ווי ער האט נאָר אָנגעהויבען צו פיהרען אן אייגענע הויז. כאטש נאָך וואוינענדיג אין אן ענגע דירה און געלעבט כמעט ברחקות, האבען שוין ניט געפעהלט קיין אורחים ניט ביים עסען און ניט ביים שלאָפען. איז ניט געווען גענוג בעטען פאר אַלעמען צו שלאָפען, פלעגט זיין אשה חשובה רחל עלקע, אויסלייגען די קינדער אויפ'ן פלאר און די אורחים אין זייערע בעטען. אריבער־ציהענדיג שפעטער קיין בעט־ביטש אין א גערואמער דירה האט ער שוין נעהאט די מעגליכקייט מקיים צו זיין די מצוה מיט א גרע־סערען פארנעהם. עס פלעגט ממש ניט אוועקגעהן א שבת וואו עס פלעגען ניט זיין ביים טיש אורחים וועלכע ער פלעגט מיטנעהמען פון ניויארק, און געוועהנליך זיינען זיי פערבליבען ביז זונטאָג פריה, זיך מיט יעדער'ן אויפ'ן פריינדליכסטען אופן געזעגענט און ווער

עס האט נעהטיג געהאט, אויך דערלאנגט א שעהנע נדבה. נאך דער מלחמה ווען די טויערן פון אמעריקא האבען זיך וויעדער געעפענט פאר אימיגראנטען און עס האבען אנגעהויבען צו קומען פון אייראפא שעהנע אידען בני־תורה, האט זיך די צאהל אורחים אלץ פערמעהרט, ר' משה אליעזר פלעגט ניט ווארטען ביז די אורחים זאלען איהם אויפזוכען, נאר ער האט זיי געזוכט און געבראכט צו זיך.

די פירות פון דער דאזיגער מצוה האט ער זוכה געווען צו געניסען נאך פאר זיין לעבען. ער האט געהאט די זכיה צו זעהן מיט זיינע אויגען ווי זיינע קינדער זיינען אויך דורכגעדרונגען מיט דער טייערע מדה פון הכנסת אורחים, אז אפילו די אינגסטע טאכטער זיינע ברכה'לע, וועלכע איז שוין געבארען אין אמעריקא אין רייכקייט און האט א פערקעהר מיט אמעריקאניזירטע אריסטאקראטישע פאמיליעס, שעהמט זיך ניט אליין צו בעדיענען די אורחים, ניט וויסענדיג צומאל ווער זיי זיינען און אפשר ניט פארשטעהענדיג וואס זיי ריידען, און טהוט עס מיט אזא אויפמערקזאמקייט אקוראט ווי זיי וואלטען געווען איהרע נאהנטע בעקאנטע.

א האפנונג אז די טראדיציע פון הכנסת אורחים וועט נאך לאנג לאנג אנהאלטען אין דער פאמיליע קרעמער, איבערגעהענדיג פון עלטערן צו קינדער.

10

דער גומל־חסד

דער תלמוד וויל האבען אז די מצוה פון גמלות־חסד שטעהט פיל העכער ווי די מצוה פון צדקה, ווייל מיט'ן געבען צדקה העלפט מען נאָר אן אָרימאַן בעת מיט אַ גמלות־חסד העלפט מען סיי אן אָרימאַן און סיי א בעל־הבית'ישען מענשען. די מצוה פון צדקה קען מען נאָר מקיים זיין מיט געלד, בעת די מצוה פון גמלות־חסד קען מען טהאָן סיי מיט געלד און סיי מיט'ן גוף. דעריבער האט אויך ר' משה אליעזר שטארק געהאלטען פון דער דאָזיגער מצוה און איהר שטענדיג מקיים געווען מיט אלע פּרטים און דקדוקים. זי איז געווען ביי איהם אזוי חשוב, אז געבענדיג אַ גמלות־חסד האט ער פיינט געהאט פיל צו קלערען, אויב יענער וועט איהם אָבגעבען אָדער ניט. ער האט ניט מדקדק געווען אויב יענער איז אַ פרומער אָדער ניט, כאטש געווען פון דער נאַטור א קנאי, ווייל ער האט ממש קיינעם ניט געקענט אָבזאגען. אויב ער האט בשעת מעשה ניט געקענט העלפען מיט מזומן געלד פלעגט ער פאר יענעם אינדאר־סירען א וועקסעל און איז ניט שטארק נתפּעל געווארען אויב ער האט שפּעטער געמוזט אליין אויסלייזען דעם וועקסעל. ער האט שטענדיג געהאט אויסגעליהענע גמלות־חסדים'ס אין די שווערע מויזענדער, אפשר גאר ניט נאכ'ן ערך ווי זיינע פערהעלטניסען האבען איהם ערלויבט. ביי איהם איז רעכט געווען צו לייען איינעם, אַ ווייטען בעקאַנטען אין ניו־הייווען, אַ שמש אין אַ שוהל, גאנצע 3000 דאלאר וואס יענער האט נויטיג געהאט פאר אַ „סעקיורעטי", און פערשטעהט זיך אויף א גאנץ לאנגער צייט, וכהנה וכהנה אזעל־כע הלוואות, גרויסע און קליינע. זיין פּלוצלינגער טויט איז א שווע־

דער קלאָפּ פאַר צעהנדליגער מענשען וועלכע האָבען ממש עקזיס־טירט פון זיינע גמלות חסדים. נאָך אין לעצטען יאהר פאַר זיין טויט האָט ער בעקומען אַ בריף פון ווילנא פון זיינעם אַ יוגענד־חבר, אַ חשוב׳ער סוחר און ירא־שמים, אז צוליעב דאָס פאַלען פון די פּוילישע „וואַליוטע" האָט ער פערלאָרען זיין גאַנצען פערמעגען, האָט ער ר׳ משה אליעזר ניט פיל געקלערט און איהם צוגעשיקט 500 דאָלאַר און איהם ממש אויף די פיס געשטעלט.

אויב ביים געבען צדקה האָט דאָס רחמנות׳דיגע האַרץ די הויפּטראָלע ביי איהם געשפּיעלט, פלעגט ער אָבער ביים מקיים זיין די מצוה פון גמלות־ חסד אויך דעם שכל געברויכען. ער האָט זיך ניט בענוגענד מיט גלאַט געבען אַ גמלות חסד און זיך דערמיט פּטור׳ן, נאָר פלעגט זיך אויך אריינטהאָן און פעראינטערעסירען אין יענעמ׳ס לאַגע, און זוכען ווי ווייט מעגליך איהם אויף די פיס צו שטעלען. פאַר איינעם האָט ער זיך אינטערעסירט אין זוכען אַ פּאַסיגען געשעפט, פאַר אַ צווייטען אַ שטעלע און אזוי לאַנג געאַר־בייט ביז ער האָט איהם געשטעלט אויף די פיס. טאָמער האָט איי־נער, וועמען ער האָט ממש גליקליך געמאַכט, איהם ניט אזוי פיין אָבגעדאַנקט, האָט עס איהם ווענינ וואָס געקימערט. אין גענענטהייל ער פלעגט נאָך הנאה האָבען דערפון, זאָגענדיג, אז אזוי איז די מצוה נאָך אַ גרעסערע.

ער האָט מקיים געווען די מצוה פון גמלות חסד ניט בלויז מיט זיין געלד נאָר אויך מיט זיין גוף. ווי ער האָט נאָר דערהערט פון אַ לויה, מעג עס זיין פון אַ גאַנץ געוועהנליכען מענשען, איז ביי איהם רעכט געווען אוועקצוואַרפען די ביזנעס און פאָהרען צו דער לויה. דאָס אייגענע איז ביי איהם הויך געשטאַנען די מצוה פון בקור חולים, ניט דער ערגסטער וועטער און ניט ביזנעס האָבען איהם געקענט דערפון צוריקהאַלטען.

ר׳ משה אליעזר האָט אויך געהאַט די זעלטענע גוטע מדה פון מקרב זיין לאַנדסלייט, כמעט אַלע קורעניצער און פון די אַרומיגע שטעדלאַך וואָס זיינען אָנגעקומען אין אַמעריקא. ווען ער האָט שוין געהאַט אַן אייגענעם געשעפט פלעגט ער אריינעהמען צו זיך, זיי

פינף און פערציג

אליין געלערנט די מלאכה און זיי באלד געגעבן געלד צו שיקען אהיים צו זייערע פאמיליעס, ניט קוקענדיג אויב זיי האבען שוין פערדיענט אָדער ניט. אין דער ערשטער צייט זיי געהאלטען ביי זיין טיש, און זיי אזוי לאנג געשטיצט ביז זיי זיינען געקומען צו א תכלית און זיך געשטעלט אויף די פיס.

זעקס און פערציג

11

דער ירא־שמים

זיך צוקוקענדיג אויף זיין הנהגה האט זיך אבגעדרוקט אז עס געהט ארום עפּעס א לעבעדיגער „שלחן ערוך״, אזוי אָבגעהיט איז ער געווען אין אלע דינים און מנהגים. איינגעפיהרט ביי זיך א שטרענגע כשר׳ה הויז, איינע פון די פרימסטע הייזער אין ניויארק, און מיט גרויס עקשנות און אויסגעהאלטענקייט דורכגעפיהרט, אין דער גרויסער פרייער ניויארק צו קענען אזוי אידיש לעבען ווי אין א ליטווישער קליינשטעדטעל. אינטערעסאנט, אז אויסערליך איז דאס ניט געווען אויף איהם אָנצוזעהן, ניט קאָקעטירט מיט זיין פרומקייט, ניט געפּראוועט דביקות אין דאוונען, ניט געכאפּט זאָגען מוסר, אדרבא געווען דוקא א מעורב עם הבריות סיי מיט פרומע און סיי מיט ניט פרומע. שטענדיג זיך געפונען אין א פרייהליכער, אויפגעראמטער שטימונג. זיך געוויצעלט און געזאגט גלייכעווערטלאך, גאר ניט ווי א הימעלמענש, און דאך איז ער געווען דער אמת׳ער ירא־שמים, איינער פון דיווירקליכע יחידי־סגולה אין אמעריקא, וואס נאָר איינצעלנע מענשען פון די גאנץ נאהנטע מקורבים האבען דערפון געוואוסט.

ניט פיל ווייסען אז ר׳ משה אליעזר קומענדיג אין א קאָנטרי שטאדט וועגען ביזנעס, פלעגט ער זיך שטארק אינטערעסירען וועגען דעם מצב פון אידישקייט אין דער דאזיגער שטאדט. קומענדיג אַמאָל קיין ספּרינגפיעלד, מאַס., האָט ער דערהערט אַז אין דער שטאדט איז פארקויפט געווארען צו גויים א שוהל צוזאמען מיט א מקוה. ער איז תיכף אוועק צום רב און געמאַכט א גרויסען געוואלד וועגען אזא נבלה, און זיך מקבל געווען צו דעקען אלע הוצאות וואס

ס'איז נויטיג אויף צו מבטל מאכען די מכירה, כדי צו פערהיטען אזא חלול השם. דאס אייגענע אינטערעסע האט ער אויך געהאט פאר קלענערע ענינים, און אריינגייענדיג אמאל אין א ספרינגפי־עלדער בית־מדרש צוזאמען מיט זיין פריינד ר' בער לעווין, האט זיך איינער אן אלטער מאן פאר איהם געאייסערט, אז ער וואלט זעהר גערן געוואלט לערנען משניות אויב עס וואלט מעגליך געווען צו בעקומען מיט א אידישער איבערזעצונג. ר' משה אליעזר האט זיך אין דעם ניט פערגעסען און קומענדיג אהיים, האט ער תיכף נעקויפט 2 סעטס אזעלכע משניות'ן און צוגעשיקט צום אלטען, איין סעט פאר איהם און א צווייטען סעט צו האלטען פאר אן אנ־דער'ן ווען ער וועט דאס נויטיג האבען.

זעהר וועניג מענשען האבען געוואוסט אז דער דאזיגער פיל בעשעפטיגטער גרויסער סוחר, פלעגט יאהרענלאנג אלע דאנער־שטאג ביי טאג אוועקוואַרפען די ביזנעס און געהן אויף דער איסט־סייד אליין איינצוקויפען פיש און פלייש אויף שבת. די מצוה פון צוגרייטען אויף שבת איז ביי איהם אזוי הייליג געווען אז ער האט געוואלט אלץ אליין טהאן, אזוי ביים איינקויפען און אזוי ביים צו־ברייננגען. אלע פרייטיג 12 א זייגער, עס האט געמאַגט זיין ווי ביזי אין די ביזנעס, אוועק פון שאפ און געפאהרען אהיים. און נאַכדעם ווי ער האט אלץ מכין געווען צום שבת, פלעגט ער זיך זעצען לער־נען און אזוי עוסק געווען אין תורה ביז זונטאַג מאַרגען. בכלל גע־ווען א גרויסער זריז אין מקיים זיין מצוות. עס פלעגען אוועקגעהן מאנכע טעג ווען ער פלעגט וועניג קענען ארבייטען אין געשעפט. ביי טאַג פערנומען אויף ברית'ן און לויות און ביי נאַכט אויף ארימע חתונות, וואס די אלע דאזיגע מצוות האבען איהם נאַך גע־קאָסט שווערע געלד.

אין נאַך א פרט איז ער געווען א גרויסער ירא־שמים וואס ער האט קיין שנאה ניט נאַכגעטראַגען צו קיין מענשען, און אויב איי־נער האט איהם בעליידיגט אָדער איבערגעפיהרט געלד, פלעגט ער ניט נאָר זוכען דאס צו פערגעסען, נאָר אויך געזוכט געלעגענהיי־טען צו קענען ווייזען א פריינדליכער מינע, כדי יענער זאל מערקען

אז ער טראגט ניט נאך קיין שנאה. ער האט כמה יאהר געליטען פון זעהר א שלעכטען שכן וואס האט איהם אַנגעטהאַן אלע נגישות שבעולם און ניט געקענט פון איהם פּטור ווערען. ענדליך איז גע־קומען די צייט וואס ער האט איהם שוין געקענט מאכען צום מור־פּען און אלע האבען שוין דערויף געווארט. ר' משה אליעזר האט איהם אָבער געלאזען ווייטער וואוינען כדי ניט עובר זיין אויפ'ן לא תקום ולא תטור.

ווי מיר האבען שוין אויבען דערמאָנט איז ר' משה אליעזר געווען פון דער נאַטור א קנאי, אָבער אויך נאָר מיט געוויסע פּרינ־ציפּען. ער האט אויך געקענט זיין טאָלעראַנט צו ניט פרומע, לעבען מיט זיי פריינדליך און אויך טהאָן טובות, אָבער נאָר אַזוי לאַנג ווי זיי האָבען זיך ניט ערלויבט אין זיין געגענוואַרט חוזק צו מאַכען פון תורה און מצוות. קוים האט זיך איינער געוואגט דאס צו טהאָן פלעגט ער ווערען א צוקאַכטער ווי איינער פון די גרעסטע פאנאַ־טיקער, יענעם געהעריג אויסגעזידעלט, ניט אכטענדיג אויב ער איז א גרויסער מענש אָדער איינער פון זיינע בעסטע בעקאַנטע. אויף א ברית ביי זיינעם א נאהנטען קרוב וואו ער איז געווען טאָאַסט־מייסטער, האט זיך איינער פון די רעדנער א משכיל מיט פרייע געזינונגען, ערלויבט ארונטער צומאַכען די מצוה פון מילה, האט ער איהם געסטאָפּט אין מיטען ריידען און ניט געלאזען ענדיגען, ניט אכטענדיג וואס דער רעדנער איז זעהר א בכבוד'דיגער מענש און וואס עס זיינען אנוועזענד געווען א זיעבען מנינים מענשען, דארונטער גרויסע רבנים און שעהנע בעלי־בתים. און וואס דאדורך האט ער א ביסעל צושטערט די גאַנצע שמחה.

אויך די פירות פון זיין יראת שמים האט ער זוכה געווען צו געניסען אויף דער וועלט. ער האט דערלעבט צו זעהן ווי זיינע קינדער, וועלכע זיינען אויפגעוואַקסען אין אמעריקא און בעזוכט אַמעריקאַנער סקוהל'ס פיהרען זיך זעהר אידישלעך, מיט שטרענג כשרות און מיט שמירת שבת, מיט צדקה און מיט יראת־שמים, וואס ניט אלע פרומע ניוארקער בעלי־בתים האבען אזא זכיה.

נייו און פערציג

דער ענִיו

באמת איז ניט שווער צו זיין אן עניו ניט פאר אן אָרימאַן און ניט פאר אן עם־הארץ, אָבער זייענדיג א גביר, א תלמיד־חכם און א פילאנטראָפּ וואס האט מענשען אזויפיל טובות געטהאָן און ווערט פון אלעמען זעהר רעספעקטירט — און דאך ניט קריגען ביי זיך א ביסעל גאוה, דאס האט טאַקע נאָר געקענט ר׳ משה אליעזר קרעמער. שוין אָבגעזעהן פון זיין וועניג געוויכט לייגען אויף זיינע חצוניות, שטענדיג געגאנגען גאנץ פּראסט געקליידעט, אויסזעהענדיג ווי א פשוט׳ער ארבייטער ניט ווי קיין גביר, האט ער זיך אויך קיינמאל ניט געשטופּט אויבען־אָן. קיינמאהל ניט גע־וואָלט אָננעהמען עפּיס אָן אמט וואס איז פערבונדען מיט כבוד, ער איז אמאָל געוועזן א בעאַמטער אין דער חברה „תומכי שבת", פאר וועלכע ער האט זיך שטארק אינטערעסירט, אָבער קוים האט ער זיך ארומגעזעהן אז די אנדערע בעאַמטע טהוען דאס נאָר פון כבוד וועגען האט ער תיכף רעזיגנירט. ער האט אויך אמאָל געהאט אָן אמט אין דער חברה „גמלות חסד" פון דער צמח צדק שול אויף הענרי סטריט, א חברה וואס ער אליין האט איהר מיסד געווען, און אויך שפּעטער מוחל געוועזן אויפ׳ן כבוד און פערבליבען אר־בייטענדיג אין דער חברה אלס איינפאכער סאָלדאט. דעם זעהר בכבוד׳יגען אמט אלס פּרעזידענט פון די פערייניגטע חב"ד׳ער קהלות אין יונייטעד סטייטס און קענעדע, וואס ער האט אָנגעהאל־טען אין די לעצטע 2 יאהר פון זיין לעבען, איז געווען לכתחילה געגען זיין רצון, נאָר נאָכדעם ווי די חב"ד׳ער חסידים ובראשם

דער ליבאוויטשער רבי זיינען צו איהם צוגעשטאנען, האט ער זיי ניט געקענט ענטזאגען. אפילו אין זיין אייגענער שוהל, וואס ער אליין האט איהר געבויט, און אליין איהר אויסגעהאלטען, האט ער זיך ניט געפיהרט מעשה פרעזידענט אָדער גבאי, נאָר איינפאך מעשה שמש, בעדיענט די מתפללים און יעדערן אליין דערלאנגט א סידור און א חומש.

ווער עס האט ניט בעאָבאכטעט זיין אופפיהרונג אויפ׳ן אויבען דערמאָנטען סיום הגדול אויף ש״ס, וואס ער האט געפייערט אין דער צמח צדק שוהל א האלב יאהר פאר זיין טויט, האטווירקליך ניט געזעהן וואס דאס הייסט עניוות. געוועהנליך ביי אזא זעלטענע געלעגענהייט, וואס זעהר וועניג מענשען זיינען זוכה דערצו, צו קענען פראווען א סיום אויף גאנץ ש״ס וואס מען האט אליין געזאגט דעם שיעור פון אָנפאנג ביז צום סוף ניט דורכגעלאזען איין בלאט גמרא, און זיך נאָך קענען לאזען קאסטען אייניגע הונדערט דאלאר אויף דער שמחה און נאָך צו האבען אזעלכע געהויבענע געסט — איז דער מנהג אז דער הויפט בעל־שמחה זיצט אויבענאַן מיט גרויס רחבות און לאזט זיך בעקוקען און בעוואונדערן פון אלעמען מיט גרויס רעספעקט. ר׳ משה אליעזר איז פאר דער גאנצער צייט געשטאנען אָדער געזעסען גאנץ אונטען, אליין בעדיענט די אורחים און אויסגעזעהן ווי ער וואלט געווען איינער פון די סארווערם אויף דער שמחה. בעת די רעדנער האבען געוואלט זאגען שבחים איבער איהם, האט ער זיי ניט געלאזען, און געהייסען זאגען די שבחים אויף זיינע תלמידים די צוהערער, אידען האראָפּאשניקעס, וואס פלעגען קומען אויסגעמאטערטערהייט לערנען דעם שיעור גמרא.

ניט וויסענדיג פון גאוה איז ער פערבליבען א שטענדיגער גוטער ברודער צו די ארבייטער מיט וועמען ער האט אַמאָל געארבייט צוזאמען, ניט קוקענדיג וואס זיי זיינען פערבליבען אָרימע ארבייטער און ער איז געווארען א גביר און א מאַנופעקטשורער. ער פלעגט זיך בעטהייליגען אין זייערע פריידען און ליידען ווי זיינעם־

גלייכען, א זאך וואס מען זעהט דאס זעלטען ביי די היינטיגע „אַל־רייטניקעס”, וועלכע זוכען זיך צו דערווייטערן פון זייערע אמאַליגע חברים. פיל בייגעטראגען צו דער דאזיגער שעהנער מדה, האט א חוץ זיין נאטירליכע גוטסקייט און זיין יראת־שמים אויך זיין חסיד'ישע נשמה, ווייל ווי בעוואוסט זיינען די ליובאוויטשער חסידים בעזונדערע ספּעציאליסטען אויף דער מדה פון ענוה.

זיין הנהגה אין שטוב איז אויך פיל געווען מיט עניוות, קיינמאל ניט געמאכט א געברויך פון זיין פאטערליכע אויטאָריטעט, שטענדיג ארומגעגאנגען מיט זיינע בני־בית אויפ'ן חבר'שען אופן, מיט גלייכעווערטלאך און מיט א פרייליכע פריינדליכע מינעס. ער איז געווען אַ זעלטענער הייסער פּאַטער, קוים האָט זיך געמאַכט עפּעס א חולה אין שטוב, האט ער שוין נעכט ניט געקענט שלאָפען. ער פלעגט שיקען אלעמען שלאפען און ער אליין איז שוין ארומגעגאנגען ארום קראנקען. און אלץ געטהאן שטילערהייט זיך ניט מאכען אויפפאלענד. בכלל האט ער ניט ליעב געהאט, ווי אנדערע פאטערס, עפענטליך ארויסצוצייגען זיין צערטליכקייט, כאטש די הארץ איז פול געווען מיט פאטערליעבע ביז צו מסירת נפש.

אַ כאראקטערצוג פון איהם ווי ווייט ער האט ניט געהאלטען פון כבוד, האט מען געקענט זעהן בשעת די גרויסע „בני ישראל” שוהל אין בענסענהוירסט האט אויסגעקליבען אין יאהר 1921, זיין זוהן יקותיאל (סעם) דעם לאָיער פאר וויספּרעזידענט. די פיהרער פון דער דאזיגער שוהל, פּראמינענטע בעלי־בתים, זיינען געקומען צו ר' משה אליעזר'ן איהם גראטולירען צום גרויסען כבוד, וואס זיין זוהן, נאָך אַ גאנץ יונגער בחור איז אויסגעוועהלט געווארען צו אזא בכבוד'יגען אַמט. דארויף האט ער זיי געענטפערט, אז פונ'ם כבוד האלט ער באמת זעהר ווענינ און ווערט ווענינ נתפעל דערפון, נאָר די איינציגע זאך וואס עס טהוט איהם יאָ הנאה, איז דאס וואס זיין זוהן אינטערעסירט זיך אין אידישע ענינים, און אזוי ווי ער קען איהם איז ער זיכער אז די שוהל וועט זיך שוין פיהרען אידעשלעך.

13

דער נאָבעלער סוחר

ר׳ משה אליעזר איז געווען א מענש מיט פעסטע פרינציפּען, אָבער געוואוסט האָבען דאָס נאָר זיינע גאַנץ נאָהענטע מקורבים אָדער וועלכע זיינען מיט איהם געווען פארבונדען אין געשעפט. אויבערפלעכליך איז דאָס ניט געווען צו באמערקען. דאכט זיך א מענש ניט קיין עקשן, נאָכגעביג, מיט׳ן גוטמוטיגען שמייכעל אויפ׳ן פנים, אָבער אלץ נאָר אזוי לאַנג ווי עס האָט ניט אָנגערירט זיינע פרינציפּען. אזוי איז ער געווען סיי אין זיין מאטעריעלען לעבען און סיי אין זיין גייסטיגען לעבען, געלעבט נאָך געוויסע פּרינציפּען און מיט א זעלטענער עקשנות אויסגעהאַלטען.

אין זיינע געשעפטען האָט ער אוועקגעשטעלט א פרינציפּ, אז א וואָרט איז הייליג. אן אָנגענומענער „אָרדער" מוז אונטער אלע אומשטענדען אויסגעפירט ווערען, ווען דאָס מיינט אפילו בדלות צו ווערען. פאר דער גאנצער צייט וואָס ער האָט געפירט געשעפ־טען איז כמעט ניט פארגעקומען, אז ער זאָל ברעכען זיין וואָרט און ניט מקיים זיין א זאַך וואָס ער האָט אָבגעמאכט. ער האָט זיך געמאכט אלס פרינציפּ צו קויפען סחורה נאָר מיט בארעס געלד, ניט וועלענדיג פארגרעסערען די ביזנעס אויפ׳ן חשבון פון אנדערע אָדער אָנקומען צו די בייַנק, וואָס דאָס קען חלילה ברייַנגען צום אָנרירען פרעמדע געלד. דאגעגען איז ער לייכט געווען אין געבען קרעדיט צו אַנדערע, ניט קוקענדיג וואָס לייטען האָבען איהם צענדר־ליגע טויזענדער אָנגעזעצט, און נאָך געהאט אין זיך די פעסטקייט ניט צו מאכען קיין רייד דערפון, לייכט אריבערצוטראָגען אזעלכע שאָדענס, און ווער רעדט נאָך פון געהן פיהרען משפטים מיט די

וואָס זיינען איהם שולדיג געבליבען. ער האָט בכלל קיינמאָל אין לעבען ניט אָנגעקלאָגט א מענשען פאר געלד ענינים.

אויף די יסודות פון ראיעל און יושר האָט ער אוועקגעשטעלט זיינע ביזנעס פון אָנפאנג אָן, און וועהרענד ביים איינקויפען סחורה פלעגט ער זוכען, ווי דער שטייגער איז, זיך צו דינגען אום צו באַקומען צום ביליגסטען פרייז, אָבער קוים איז די סחורה געקויפט געוואָרען, האָבען געמעגט די מקחים ווי נידעריג ארונטערגעהן, האט ער קיינמאל ניט געזוכט זיך צו טשעפען צו די געקויפטע סחורה, ווי עס פיהרט זיך אין דער סוחרישער וועלט. זיין פרינציפ איז געוועזן: באשטעלט און פארפאלען. ער האט זיך אויך געמאכט אלס פרינציפ ניט אבצורעכענען אן ארבייטער פאר׳ן פארדארבען סחורה, א זאך וואס מען געפינט עס זעלטען ביי אנדערע מאנופעקטשורערס.

זיין באציהונג צו ארבייטער איז געווען פרינציפיעל און אויסגעהאלטען. אמת, ער האָט פארלאנגט פון זיי צו ארבייטען באמונה און ניט צורייבען קיין צייט, אָבער אין דערזעלבער צייט איז ער געווען צו זיי ווי א ברודער, ניט ווי קיין „באָס", און אנטייל גענומען אין זייער פרייד און לייד. יאהרענלאנג געצאהלט א מאנאטליכע פענסיע צו מעהרער ארבייטער, וועלכע האבען ביי איהם געארבייט און צוליב עלטקייט געמוזט אויפהערען ארבייטען. איינגעפיהרט אָבצולאָזען די ארבייטער אלע ערב שבת אום האלב נאָך דריי אזייגער, אפילו אין א צייט וואָס איז געווען זעהר „ביזי", כדי זיי זאָלען האָבען צייט זיך צוצוגרייטען לכבוד שבת.

ער אליין איז געווען א זעלטען ארבייטזאמער מענש, וואר רעדט נאָך אין די ערשטע יאָהרען פלעגט ער אליין ארבייטען ווי פאר פינף מענשען, און אויך אין די שפעטערע יאָהרען האָט ער ניט אויפגעהערט צו ארבייטען. ער פלעגט קומען אין שאפ דער ערשטער און אוועקגעהן דער לעצטער. פיל לייכטער איז איהם געוואָרען בעת עס זיינען אונטערגעוואקסען די קינדער און ער האָט זיי אריינגענומען אין די ביזנעס און איבערגעמאכט די פירמא אויף׳ן נאָמען מ. ל. קרעמער און זיהן.

ביז אַ געוויסער צייט איז ער געווען פאַרבונדען מיט אַ שותף, דערנאָך האָט ער געעפענט פאַר זיך אליין אַ פעקטאָרי צו מאַכען הויזען, אין 21 באַוערי, און דאָרטען פאַרבליבען ביז צום יאָהר 1906. דאַן איז ער אריבער אין 50 ליספענאַרד סטריט, דער דאַמאָלס־דיגער צענטער פאַר מאַנופאַקטור, און דאָרטען געשטאַנען 5 יאָהר פון דאָרט האָט ער די פעקטאָרי אריבערגעטראָגען אויף וואָקער סטריט, וואו ער האָט פאַרנומען גאַנצע דריי פלאָרס, און דאָרטען אויך געשטאַנען פינף יאָהר. אין יאָהר 1915 האָט ער אויפגעגעבען דאַס מאַנופעקטשורען אין ניו יאָרק, איינגעאָרדענט פעקטאָריס אין קאַונטרי און איבערגעקליבען זיין געשעפט אויף בראָדוויי, פריהער נומער 628 היינט 687, וואו דאַס געשעפט פיהרט זיך נאָך היינט פון זיינע זיהן.

14

דער כלל־טוער

אזוי ווי ער איז געווען אריגינעל אין זיין גאנצער הנהגה, אין זיין אָרט צדקה געבען, אין זיין אָרט אויפנעמען אורחים און דאָס־גלייכען, אזוי איז ער אויך געווען אַנדערש ווי אלע אין זיין כלל־ארבייט. האָבענדיג פון דער נאַטור א חוש־צבורי, א געפיהל פאר געזעלשאַפטליכע ארבייט, איז ער קומענדיג דאָ אין אמעריקא גע־ווארען א מיטגליד אין א פּאר לאַדזשען פון אָרדענס און גערן גע־וואלט מיטארבייטען. אָבער קוים האט ער דערשמעקט אז מען שפּילט פּאָליטיקס, וואָס איז מעהר אָדער ווייניג פארבונדען מיט שקר, האָט ער זיך באַלד אָבגעטרייסעלט דערפון. כל ימיו פיינט געהאט פּאָלי־טיק און פּאָליטישענס און זיך ניט געשעהמט צו זאָגען דעם אמת אין די אויגען, און זיך אויך ניט צוריקגעהאלטען געהעריג דורכצו־זידלען, ווען ער האָט געכאַפּט איינעם ביי א שקר אָדער ביי אן אונעהרליכער האנדלונג. פארשטעהט זיך אז מיט אזא כאראקטער האָט ער לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטען אן עפענטליכען אַמט. אגב האָט ער זיך קיינמאָל ניט געשטופּט דערצו, און יוצא געווען זיין חוב מיט׳ן געבען די מטבע, ניט זאָגענדיג קיין דעה.

דער איינציגער אַמט וואָס ער האָט יאָהרענלאַנג אָנגעהאלטען איז געווען דער אמט פון פּרעזידענט אין דער „צמח צדק שוהל נוסח האר״י“, אויף הענרי סטריט. בעת ער האָט אָנגענומען דעם אמט האָט די דאָזיגע ארימע שוהל געהאט אויף זיך חובות קרוב צו 25 טויזענד דאָלאַר, און א דאנק זיין ענערגיע זיינען אלע חובות באַ־צאָהלט געוואָרען. ער האָט אויך מיסד געווען אין דער שוהל חברות צו לערנען תורה, פלעגט קומען יעדען דינסטאג זאָגען א בלאַט גמרא, און דעם לעצטען שיעור האָט ער נאָך געזאָגט א טאָג בעפאָר ער

האָט זיך געלעגט אויפ'ן שטערבעבעט. ער האָט אויך געגרינדעט אין דער שוהל א חברה „גמלות חסדים", און אין דער ערשטער צייט האָט ער זיך זעהר פיל אָבגעגעבען דערמיט, אָבער זיינע חברים האָבען איהם כמעט ווי געצוואונגען זיך אָבצוזאָגען פון אמט, ווייל ער האָט געהאט א נאטור אלעמען צו געבען, ניט געקענט קיינעם ענטזאגען, צו ער האָט געהאט גוטע גאראנטיעס אָדער ניט, און מיט אזא דרך האָט ער געקענט אין א גאנץ קורצער צייט פטור'ן די גאנצע גמלות־חסד קאַסע. אויף זיין טויט האבען די אלע מעמ־בערס פון דער שוהל הארציג געטרויערט, ניט בלויז דערמיט וואָס די שוהל איז ווירקליך פאר'יתומ'ט געוואָרען, נאָר אויך ווייל כמעט אלע מעמבערס האָבען פון איהם מעהר אָדער וועניג מקבל טובה געווען.

ווירקליכע היסטאָרישע ארבייט האָט ער ערשט אָנגעהויבען צו טאָן א פּאָר יאָהר פאר זיין טויט. דער איצטיגער לובאוויטשער רבי ר' יוסף יצחק שניאורסאָן האָט ארייננעשיקט אן אויפרוף צו די קהלות פון די חסידי חב"ד אין די פאראייניגטע שטאאטען און אין קענעדע, אז זיי זאָלען זיך פאראייניגען אין א פארבאנד, כדי צו פארשטארקען דעם רוח פון חסידות אין אמעריקא. ר' משה אליעזר קרעמער איז ערוועהלט געוואָרען פאר נשיא פון די פאראיי־ניגטע קהלות און באלד ווי ער האָט אָנגענומען דעם אמט האָט ער זיך מיט זיין גאנצער ענערגיע אריינגעוואָרפען אין דער ארבייט. אין א גאנץ קורצער צייט איז איהם געלונגען צוזאמען צוברייגגען די אלע צושפרייטע חב"ד'ער חסידים איבער'ן גאנצען לאנד אין איין געשלאָסענע אָרגאניזאציע, וואָס א דאנק דעם האָט זיך גע־שטארקט דער חב"ד'ער חסידיזם אויך אויף יענער זייט ים. א גרויסע טייל צייט האָט ער אָבגעגעבען פאר'ן דאָזיגען וויכטיגען ענין, יעדען טאָג פלעגט ער פארברייגגען שעה'ן לאנג מיט'ן מזכיר פון דער דאזיגער אגודה, דער באוואוסטער חסיד ר' דוד שיפרין, דורכלייענענדיג און ענטפערענדיג די מאַסען בריף וואָס פלעגען טעגליך אָנקומען. א חוץ דעם פלעגען זיך שטענדיג געפינען ביי איהם אין אָפיס די דירעקטאָרען פון דער אגודה, וויכטיגע רבנים

און בכבוד'יגע בעלי-בתים, אזוי אז מאנכע טעג פלעגט ער ממש זיך ניט קענען אפגעבען מיט זיין געשעפט. ער האט פאר דער אגודה ניט בלויז אויסגעגעבען אייגענע היבשע סומען נאר אויך ארומגעגאנגען קלייבענדיג געלד פון אנדערע, וואס אין כמה פרטים איז דאס נאך אפשר שווערער ווי צו געבען אייגענע געלד.

מיט זיין ארבייט האט ער זעהר פיעל אויפגעטאן אויפצור־וועקען דעם חב"ד'ער חסידיזם דא אין אמעריקע ביי די פארשלא־פענע היימישע חסידים, וואס זייענדיג צעהנדליגער יאהר אבגע־ריסען פון מקור, ניט הערענדיג א חסידיש ווערטעל און ניט זעהענ־דיג א פרישען פנים פון דארטען פאר דער גאנצער צייט פון דער מלחמה, איז זייער גאנצער חסידיזם באשטאנען אין דאווגען נאכ'ן נוסח האר"י, און ביי אנדערע דאס אויך ניט. א דאנק זיין פרא־פאגאנדע האט דער חב"ד'ער חסידיזם אנגעהויבען אויפצולעבען. צו דעם צוועק האט ער געלאזען אויף זיינע קאסטען אבדרוקען א ספר אונטער'ן נאמען „חכמי ישראל בעש"ט" און אויסגע־געבען דארויף קרוב צו 500 דאלאר, וואס א חוץ וואס דער ספר האט א גרויסען פראפאגאנדע ווערט האט ער אבגעגעבען די הכנסה דערפון פאר דער חב"ד'ער ארגאניזאציע.דער ספר ענט־האלט א זאמלונג אריגינעלע בריף פון בעל־שם טוב ווי אויך פון אנדערע צדיקים וואס זיינען נאך ניט געוועז פערעפענטליך אויך אן ערך 20 בריף פונ'ם איצטיגען רבי'ן וואס זיינען אנגע־קומען דא אין אמעריקא אין די לעצטע 3 יאהר, צו יחידים און צום כלל. דער מסדר פון דיעזען ספר, וועלכער האט א ווירקלי־כען היסטארישען ווערט, איז ר' דוד שיפרין. פאר דער דאזיגער וויכטיגער און פראדוקטיווער ארבייט, וועלכע ר' משה אליעזר האט געלייסטעט צו דער פערשפרייטונג פונ'ם חב"ד'ער חסידיזם אין אמעריקא, האט ער בעקומען פיל דאנקונגס בריף פון ליובא־וויטשער רבי'ן און פון זיינע מקורבים.

א קצור פון איינינע בריף וועלען מיר דא איבערגעבען אין א אידישער איבערזעצונג. ערשט מיט 6 וואכען פאר זיין טויט האט ער בעקומען פון ליובאוויטשער רבי'ן פאלגענדע בריף:

ב"ה ג' כ"ג שבט תרפ"ה, לענינגראד.

כבוד ידידי הגביר הנעלה וו"ח אי"א מו"ה משה אליעזר, שלום וברכה.

איך דאנק אייך זעהר, מיין פריינד, וואס איהר בעשעפטיגט זיך אזוי פיל מיט אונזערע ענינים און איהר בעטראכט דאס ווי אן אייגענעם ענין, דער אמת איז דאך טאקע אז מיר מיינען אלע איין זאך.

וועגען דער פעראייניגונג פון אלע קהלות חסידי חב"ד אין אמעריקא האב איך געשריבען אין א בעזונדערן בריף, וואס דאס וועט אויך זעהר פיל העלפען אויפצוהייבען דעם קרן התורה און איך האף אז השי"ת וועט אונז העלפען.

איך נעפין פאר נויטיג, אז דער ועד־הפועל זאל בעשטימען א געוויסע סומע געלד פאר פראפאגאנדא צוועקען, אזא הוצאה הייסט הכנסה. ס'איז נויטיג צו שאפען א קרן־קיימת אויף מחזיק זיין תורה, ביחוד פאר „תלמוד תורה'ס" פאר ישיבות „תורת אמת" וכדומה. השי"ת זאל בעוויליגען אייער ארבייט און עס זאל דערהויבען ווערען דער קרן התורה.

מיט א פאר וואכען צוריק האב איך צוגעשיקט א מכתב־כללי צו אלע אנשי־שלומינו וועגען דער הנהגה פון ב' ניסן, דער יאהרצייט טאג פון אונזער הייליגען פאטער זי"ע, און וועגען דעם סדר פון דיביידע שבתים, איינער פאר'ן יארצייט און דער צווייטער נאכ'ן יאהרצייט. איך בין זיכער אז אלע אונזערע פריינט און מקורבים וועלען זיך נעהמען דערצו דאס מפרסם צו זיין אומעטום, סיי בכתב און סיי בדבור. יעדער צוזאמענקונפט פון אנשי שלומינו ברייגגט א גרויסען חזוק פאר דער תורה, אי פאר זיך אליין אי פאר אנדערע, עס פארגרעסערט און פער־שטארקט דעם ברידערליכען צובונד און פיהרט צו גוטע זאכען.

דערפאר וועלען אלע וואס בעטהייליגען זיך דערביי זוכה

זיין, אז זיי און זייערע קינדער זאלען בעשיינט ווערען מיט דאס הייליגע ליכט וואס שטראהלט ארויס פון מיין הייליגען פאטער אין גן־עדן, און זאלען געבענשט ווערען מיט דער דרייאיגער ברכה: בני, חיי ומזונא רויחא בגשמיות וברוחניות.

והיה ברכה ושלום ידידו הדו"ש ומברכו

יוסף יצחק שניאורסאָן.

ב

א בריף פון דעם פארשטעהער פון חסידי חב"ד אין פוילען הרב שרגא פייפוש זאלמאנאוו.

ב"ה כ"ז תמוז תרפ"ד, ווארשוי.

כבוד ידידי היקר, הנגיד הנכבד והנדיב, איש חי רב פעלים מה'ו משה אליעזר קרעמער, פרעזידענט לקהלות המאוחדות „אגודת החסידים" באמעריקא, שלום וברכה.

מיר האבען זיך אלע זעהר דערפרייט הערענדיג, אז עס האבען זיך פעראייניגט אין אמעריקא אלע קהלות פון די חסידי חב"ד, און אז איהר, אונזער ליעבער פריינט, איז אויסגעקליבען געווארען פאר'ן נשיא. אייער שעהנער נאָמען איז גוט בעוואוסט אין דער חסידישער וועלט פאר די אלע גוטע פעולות, וואס איהר האט ביז יעצט געטהאָן, צו שטיצען מיט אַ ברייטער האנד דאס „בית־חיינו" דאס הויז פון אונזער הייליגען רבי'ן און די אלע מוסדות התורה, וועלכע זיינען אונז אלעמען ליעב און טייער.

אין נאמען פון אלע אנשי־שלומינו אין פוילען, שיקען מיר אייך אונזערע ברכות, אז איהר זאלט האבען הצלחה אין אייער הייליגע ארבייט, און ערהאלטען די טראדיציע פון אונזער היי־ליגען רבי'ן, וועלכער געהט אין די וועגען פון זיינע הייליגע עלטערן, אונזער אלעמענס רביים זי"ע. דער בורא ברוך הוא זאל

אייך און אייער הויז און אייערע קינדער בענטשען מיט גליק און עשירות ,לחיים ולשלום, אמן.

והנני אוהבו ומקירו מאד

שרגא פייפוש זאלמאנאוו.

ג

א בריף פון שיקאגער חסידים.

יום ד' פ' והיה המחנה הנשאר לפליטה, תרפ"ה.

שלום וברכה שמורה וערוכה אל כבוד אוהבנו וקרובינו ברוח ונפש נושאי דגל מחנה חסידי חב"ד באמעריקא מה"ו משה אליעזר קרעמער.

מיר ווילען אין דיזען בריף אויסדריקען אונזער הערצליכען דאנק אין נאָמען פון אלע שיקאגער אנשי שלומינו דערמיט, וואס איהר האט צו אונז געשיקט דעם ווירדיגען און זעהר וויכטיגען רב הרב רמ"מ לאקשין נ"י, וועלכער האט מיט זיין גרויסער רעד־נער טאלאנט און מיט זיין ווארימע איבערגעגעבענע הארץ צום הייליגען ענין, געמאכט א געוואלדיגען רושם ביי אונז אין שי־קאגא. ער האט אויפגעוועקט די פערשלאפענע, צוזאמען געזוכט די פערבלאָנדזשעטע און זיי אריינגעבראכט אונטער די פליגלען פון אונזער הייליגען רבי'ן שליט"א, צו שטיצען די מוסדות התורה וואס ער האלט אויס. מיר האפען אז בע"ה וועלען מיר אייך קענען שיקען בקרוב פאר'ן דאזיגען צוועק טויזענד דאלאר, און אפשר מעהר. עס טהוט אונז זעהר לייד וואס דער געהערטער הרב לאקשין איז צו אונז פריהער ניט געקומען, נאָך איידער ער האט אָנגענומען א רבנות אין ניו יארק, מיר וואלטען איהם שוין ניט אָבגעלאזען פון אונז און וואלטען איהם געקרוינט פאר אונזער רב און פיהרער. פאר דער קורצער צייט וואס מיר האבען געהאט

דעם תעניג איהם צו האבען ביי אונז, האט ער אונז מיט זיין חכמה ממש מחיה געווען און א נייע נשמה אונז אריינגעגעבען.

מיר ווינשען אייך אלעס גוטעס און אז אייערע קינדער זאלען געהן אין אייערע דרכים.

אייערע טרייע פריינדע

משה ישראל שפירא, חיים מאיר עדיסאן, אברהם אבא ברין.

א בריעף פון די מנהלים פון דער ליובאוויטשער ישיבת „תורה אמת" אין חברון.

כ"ה מנחם אב תרפ"ג

לכבוד הרה"ח הנכבד, הגביר, המפורסם לשבח ולתהלה, איש חמודות ויקר ערך, רב החסיד מו"ה משה אליעזר קרעמער.

חשוב'ער ברודער און געהערטער חבר!

אין נאמען פון אונזער הייליגען ליובאוויטשער רבי'ן, אין נאמען פון די חכמי ורבני הישיבה, שיקען מיר אייך אונזער דאנק פאר אייערע גוטע פעולות מחזק צו זיין די הייליגע ישיבה.

טייערער חבר! מיר זיינען זייער צופריעדען אייך צו קענען לאזען וויסען, אז אונזער ישיבה פארגרעסערט זיך, טאג טעגליך קומען צו נייע בני ישיבה פון די אנגעפאהרענע וואס קומען אהער פון די פאגראם לענדער, און מיר זוכען זיי צו שטיצען ווי ווייט עס איז נויטיג. געוועהנליך ווערען דורך דעם די הוצאות פון אונזער ישיבה אלץ מעהר פארגרעסערט, וואס זיינען אין קיין שום פערהעלטניס צו דער מאגערער הכנסה, און אונזער לאגע איז היינט אזוי ווייט קריטיש, אז עס שטעלט אין סכנה דעם עקזיסטענץ פון אונזער הייליגער ישיבה.

מיר ווענדען זיך צו אייך חשוב'ער ברודער, וויסענדיג אייער גרויס צובונד צו אונזערע רבותינו הקדושים זי"ע, איבערהויפט

צוויי און זעכציג

צום הייליגען מיסד פון דער ישיבה אדמו"ר רש"ב זי"ע, האפען מיר אז איהר וועט בודאי ניט אפשטעהן צו ראטעווען דעם אוצר פון אונזער הייליגער תורה און שטיצען די ישיבת „תורת אמת". די צאהל פון אונזערע מחזיקים זיינען זעהר בעשרענקט ווייל מיר ווענדען זיך נאר צו „אנשי שלומינו", און אזוי ווי איהר זייט איינער פון די זיילען אויף וועלכע דער אמעריקאנער חב"ד שטיצט זיך, זיינען מיר בטוח אז אין די באלד קומענדע ימי הרחמים וימי הזכרון, וועט איהר זיך בודאי דערמאהנען אן דער הייליגער ליובאוויטשער רבינ'ס ישיבה „תורת אמת" אין ירושלים און אין חברון, און איהר וועט מחזק זיין מיט א ברייטער האנד ווי אייער שטייגער איז.

עס בענשען אייך און אייער הויז

אייערע פריינד

שלמה יהודה ליב אליעזעראוו, רב בעיה"ק מחברון

שניאור זלמן האוולין, ר"מ ומנהל הישיבה

א בריעף פון הרב שניאור זלמן האוולין.

ב"ה ירושלים, ו' אלול תרפ"ד.

הררי קדש ישאו שלום וברכת קדש לכבוד ידיד ד' וידיד כל יראיו, ה"ה הרב הגביר המפואר מפורסם לשם ולתהלה, ותיק וחסיד, איש החסד כבוד שמו מפארים מה'ו משה אליעזר קרעמער. פרעזידענט לאגודת קהלות חב"ד באמעריקה.

ערהאלטען אייער בריף מיט דער נדבה פאר דער ישיבה הקדושה און דאנק אייך זעהר. אויך האב איך באקומען די הונ־דערט דאלאר וואס איהר האט געשיקט צו מיר פאר אייער שוועסטער און פאר'ן פלימעניק. איך בין געוועזן ביי זיי אין הויז אין יפו און געפונען אז זיי לעבען זיך גאנץ רוהיג און שמחים בחלקם. דער בחור אייער פלימעניק איז מיר זעהר געפעלען גע־ווארען, ער איז זעהר א פרומער וואס מען געפינט דאס היינט זעלטען ביי די יפו'ער יונגע מענשען, ארבייט שווער א גאנצען

טאג און דאך פארפעהלט ער ניט צו געהן 3 מאל א טאג אין שוהל דאווענען. זיין איינציגער ווא‍ונש איז אז ער זאל זאך קענען אמאל צושלאגען צו קויפען א שטיקעל קרקע און בויען פאר זיך א הייזקע, ווייל דער מאנגעל אין דירות איז שרעקליך און אונגעהייער טייער און שווער צו בעקומען, אז א דירה איז דארט היינט די וויכטיגסטע זאך פון לעבען. איך האף אז איהר וועט איהם בודאי דערצו העלפען, דען פון זיינע אייגענע פערדינסטען (5 שילינג א טאג) קען ער שווער דערצו קומען.

מיט א ירושלים ברכה צו אייך און צו אייער ווערטער פאמיליע

אייער טרייער איבערגעגעבענער פריינד

שניאור זלמן האוולין

15

די נסיעה קיין קורעניץ

זיין וואונדערבארע נסיעה קיין קורעניץ, אין זומער פון יאהר 1920, פערדיענט פערשריבען צו ווערען מיט גאלדענע אותיות. א חוץ די גלענצענדע רעזולטאטען וואס די דאזיגע נסיעה האט געבראכט, ממש מציל געווען כמה הונדערטער אידישע פאמיליעס פון אונטערגאנג, איז זי אויך רייך געווען אין דראמאטישע סצענעס, און שטעלט מיט זיך פאר א בילד פון די טרויעריגע צושטענדען פון דער אלטער היים אין יענער צייט. דאס אונטערנעהמען אליין פון אן עלטערען מענשען צו מאכן אזא נסיעה קיין אייראפא אין א צייט וואס די מלחמה צווישען פוילען און רוסלאנד האט געבושעוועט און דאס ארומפאהרען אין יענע מקומות איז געווען פערבונדען מיט די גרעסטע שוועריגקייטען, ממש מיט סכנת נפשות, רופט ארויס גרויס בעוואונדערונג, און נאר אזא מענש ווי ר' משה אליעזר מיט זיין שטארקען כאראקטער און מיט זיין געוואלדיגע ענערגיע, וועלכע דער עלטער האט ניט אפגעשוואכט, איז פעהיג געווען אזא זאך צו אונטערנעהמען.

באמת האט ר' משה אליעזר שטענדיג גרויס חשק געהאט אמאל אריבערצופאהרען אויף א בעזוך קיין אייראפא, זיך צו זעהן מיט עלטערן און מיט דער גאנצער פאמיליע. די אומשטענדען זיינען אבער תמיד געווען אזעלכע, וואס האבען איהם ניט מעגליך געמאכט צו פערלאזען זיינע ביזנעס אויף א לענגער צייט. שפעטער אז די קינדער זיינען אונטערגעוואקסען און זיך איינגעארבייט אין די ביזנעס איז אונטערגעקומען די וועלט־מלחמה, און ער איז ווייטער פערהינדערט געווארען. ערשט אין יאהר

1920 נאָכ'ן שליסען דעם כלומר'שטען שלום האט ער שוין אָנגע־הויבען ערנסט צו פּלאַנעווען וועגען פאָהרען קיין קורעניץ זיין געבורטסאָרט, זיך צו זעהן מיט זיין פאמיליע און צו בעזוכען די קברים פון זיינע ליעבע עלטערן. די פרוי מיט די קינדער האבען איהם ניט געוואלט לאזען מאכען איצט אזא געפעהרליכע רייזע און געבעטען אָבלייגען אויף א שפּעטערע צייט ווען עס וועט רוהיגער ווערען. עס זיינען אָבער צוגעשטאַנען צו איהם זיינע לאַנדסלייט פון קורעניץ און פון די ארומיגע שטעדטלאך, וועלכע זיינען פון כמה יאהר צוליעב דער מלחמה אָבגעריסען געווארען פון זייערע פאמיליעס ניט האבענדיג די מעגליכקייט ווי זיי צו שיקען געלד צום לעבען, און איהם שטארק געבעטען ער זאל זיין נסיעה ניט אָבלעגען און זיין דער שליח מצוה אוועקפיהרען געלד פאר זייערע הונגעריגע פאמיליעס.

נאָכדעם אַז זיי האָבען גע'פועל'ט ביי די בני בית אַז זיי זאָלען מסכים זיין צו דער נסיעה, האט ער זיך געזעצט דעם 17 יוני אויף דער פראנצויזישער שיף „לא לארעין" און אוועקגעפאהרען קיין איירא פּא, בעגלייט מיט טויזענדער ברכות פון זיינע גוטע פריינט און לאנדסלייט וועלכע זיינען געקומען צום שיף זיך זע־גענען מיט איהם. איינער אַן אלטער מאַן, א געוויסער מר שמריהו פינגערהוט, איז געווען אזוי פול מיט התפעלות, אז ער האט זיך א נדר געטהאן דאס ער וועט, ווי אלט און שוואך ער איז, זיך צוויי מאל איבערקולענען בעת ר' משה אליעזר וועט קומען בשלום צוריק און האט דאס טאקע שפּעטער מקיים געווען.

ער האט מיטגענומען מיט זיך איבער 25 טויזענד דאלאר צו פערטהיילען צווישען הונדערטע פאמיליעס אין קורעניץ און אין די שטעטלאך ארום. אין יענער צייט זיינען מעהרער אמערי־קאנער געפאהרען אין אזא שליחות און היבשע סומען מיטגענו־מען צו פארטהיילען, אָבער דאס רוב אזויגענאַנטע „דעלעגאטען" האבען זיך געלאזען גוט בעצאהלען פאר זייער טרחה, א חוץ וואס מען פלעגט נאך מאכען פּראפיט ביים אויסבייטען דאס געלד,

ר׳ משה אליעזר האט אָבער קיין סענט ניט גענומען פון די געלד־שיקערס פאר׳ן אוועקפיהרען דאס געלד, און די גאנצע הוצאה פון דער נסיעה, וואס האט אָנגעטראָפען פיל מעהר וויפיל ער האט גערעכענט, גענומען אויף זיך.

די נסיעה ביז ווארשוי איז געגאנגען כמעט נאָרמאל, אָבער קומענדיג אהין האט זיך שוין אָנגעהויבען א פּעקיל צרות. דאָרטען האט ער זיך דערוואוסט אז די באלשעוויקעס זיינען שוין אריין אין פּוילען און קומען אלץ נעהנטער צו ווארשוי, אז צו פאהרען אין ווילנער געגענד איז כמעט אונמעגליך און פערבונדען מיט גרויס סכנה, און בפרט צו פיהרען מיט זיך איבער 4 מיליאָן פּוילישע מארק וואס איז געווען פערפּאקט אין אַ טשאמעדאַן שטענדיג האלטענדיג אין האנד. אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ וואלט זיך ניט געריהרט פון אָרט, אָבער ר׳ משה אליעזר וויסענדיג די גרויס וויכטיגקייט פון דער שליחות צו ראטעווען הונדערטע פאמיליעס, האט ניט געקוקט אויף קיין זאך און זיך געלאָזען ווייטער אין וועג צו מינסק, ניט אכטענדיג וואס די פּאליאקען האבען שוין אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו פארלאָזען מינסק. איידער ער איז אָבגעפּאָהרען פון ווארשוי, האָט מר. יעקב מזל פון „האיאס" פאר איהם געקראָגען רעקאָמענדיישאנס בריף פון דער פּוילישער רעגירונג צו די ארטיגע בעאמטע מען זאל איהם בעהילפיג זיין אין זיין ארבייט. אריינקומענדיג אין מינסק, וועלכע איז געשטאנען אין בעלאגערונגס צושטאנד, האט מען איהם אָבגעפיהרט צום קאָמענדאנט, אָבגענומען פון איהם דאס גאנצע געלד, האלטענדיג איהם אין חשד אז ער פיהרט דאס געלד פאר די באלשעוויקעס, און איהם אליין ארעסטירט. ער האט געמאכט א פעהלער וואס זייענדיג אין ווארשוי האט ער ניט ארויסגענומען פון פינאנץ מיניסטעריום אן ערלויבעניש צו פיהרען געלד קיין פּוילען פאר טשאריטי צוועקען, אָבער נאָכדעם ווי דער קאָמענדאנט האט זיך איבערצייגט פון זיינע פּאפּירען אז דאס געלד וואס ער פיהרט איז ווירקליך פאר צדקה, און בפרט נאָכדעם ווי ער האט איהם געוויזען זיינע רעקאָמענדאציעס וואס ער האט פון סטייט

דעפּארטמענט פון וואשינגטאָן און פון דער פּוילישער רעגירונג איןווארשוי, האט ער איהם אָבגעגעבען צוריק דאס געלד און איהם בעפרייט פון ארעסט, וואס האט אָנגעהאלטען ניט מעהר ווי 4 שעה.

נון האט זיך אָנגעהויבען די שאלה ווי פאהרט מען פון מינסק ווייטער? אלע טריינס זיינען געווען פערנומען מיט פיהרען סאָלדאטען און אַמוניציאָן, אַ ציוויל פערזאָן האָט נאָר געקענט פאהרען מיט א בעזונדער ערלויבעניש פון מיליטער־שטאב וואס איז געווען פערבונדען מיט גרויס שוועריגקייטען, דאָך האט ער מיט גרויס צרות און יסורים בעקומען, אַ דאנק זיין דרייסטיגקייט און זיין גוט קענען ריידען פּויליש, א רייזעפּאס אויף צו פאהרען ביז קורעניץ, און זיך געלאזען אין וועג צוזאמען מיט די סאלדאטען, זיך אָבשטעלענדיג זעהר לאנג אויף יעדער סטיישאָן. אזוי פאהרענדיג האט ער זיך דערשלאגען ביז מאלאדעטשנא (ווילנער גובערניע) וואו ער איז אָנגעקומען אין מיטען דער נאַכט.

דארטען האט ער געדארפט בייטען די טריינס און זיך זעצען אויפ'ן טריין וואס געהט קיין ווילייקי, דער סטיישאָן איז פול געווען מיט שכור'ע סאלדאטען און ער איז געווען דער איין איינציגער ציוויל־פּאסאזשיר, און בשום אופן זיך ניט געקענט דערפרעגען ווען עס געהט אָב דער טריין קיין ווילייקי. ער איז אזוי אבגעשטאנען איינינע שעה צווישען א באנדע שכור'ע סאלדאטען האלטענדיג אין האנד דעם שווערען טשאמאדאן מיט די געלד, און שרעקליך מורא האבענדיג אז זיי זאלען דאס פון איהם ניט צונעהמען. צום סוף האט ער דאך דערוואַרט אַ טריין נאָך ווילייקי, אָבער אזוי ווי אין גאנצען זיינען נאָר געווען 2 וואגאנעס און די זיינען געווען פול געפּאקט מיט סאלדאטען, האבען זיי איהם בשום אופן ניט ארופגעלאזען. מיט צרות האט ער געפּועל'ט ביים צוגפיהרער אז ער זאל איהם לאזען שטעהן כאָטש אויפ'ן לאָקאָמאָטיוו נעבען אויווען, א זאך וועלכע די סאלדאטען האבען צוגעלאזען ערשט נאָכדעם ווי ער האט זיי געגעבען 2000 מארק פאר'ן דאָזיגען חסד. ארויפקלעטערענדיג אויפ'ן לאקאמאטיוו

האט איהם א סאלדאט געהאלפען ארויפטראגען זיינע צוויי בעגס וואס ער האט ניט ארויסגעלאזען פון האנד, און אזוי אויפהייבענדיג דעם שווערען בעג מיט דאס געלד גיט זיך א זאג דער סאלדאט מיט א שמייכעל, אז דא איז פאראן געלד און הייסט איהם עפענען. ר' משה אליעזר, וועלכער איז געווען צוגעגרייט צו אזא אונגליקליכען צופאל, האט דאס געלד פארפאקט אונטען, אויבען ארויפגעלייגט קליידער און וועש. און אום עס זאל ניט זיין אויפפאלענד די שווערקייט האט ער פון גאנץ אויבען ארויפגעלעגט 2 גרויסע פלאשען מיט קאניאק און פערטריקענטע ברויטלאך. אז דער סאלדאט האט איהם געהייסען עפענען האט ער זיך ניט פארלארען און גאנץ גלייכגילטיג געעפענט. קודם כל ארויסגענומען א פלאש ברענדי, געעפענט, און מיט א פרעהליכקייט א זאג געטהאן צו די סאלדאטען פערזוכט די עכטע אמעריקאנער ברענדי וועט איהר וויסען וואס פאר א טייערע מדינה אונזער אמעריקא איז. א זופ נאך א זופ האבען זיי אזוי אויסגעטרונקעןביידע פלעשער, געווארען מיט איהם גוט ברודער איהם געגעבען אן ארט צו זיצען און שוין ווייטער ניט מעהר געגאנגען זוכען. אזוי זיצענדיג עטליכע שעה ביים הייסען לאקאמאטיוו איז ער געקומען קיין ווילייקי, ווייטער פון דארטען איז שוין קיין טריין ניט מעהר געגאנגען.

אויף דער ווילייקיער סטיישאן האט ער געפונען דאס אייגענע ווי אין מאלאדעטשנא, פול מיט סאלדאטען ניט האבענדיג אן ארט וואו זיך צו זעצען. די שטעטעל איז 2 ווערסט פון סטיישאן, קיין פוהר צו צופאהרען האט ער ניט בעקומען און געמוזט אזוי געהן צופוס טראגענדיג מיט זיך די צוויי שווערע בעגס. אזוי געהענדיג האט זיך אונטערגעדרעהט איינער א מאן און איהם געהאלפען טראגען די זאכען. ארייקומענדיג אין א אכסניא האט ער תכף בעשטעלט צו זיך די אלע לייט פאר וועמען ער האט געבראכט געלד פון זייערע קרובים, און אויסגעטהיילט אן ערך 4-5 טויזענד דאלאר. די שטעדטעל האט זיך אויף איהם ניט געריכט און ער האט אויסגעזעהן ביי זיי ווי אליהו הנביא וואלט

זיך פלוצלונג בעוויזען. ער האט געפונען די שטעטל אין זעהר א שלעכטען צושטאנד, נאקעט און הונגעריג און די שמחה מיט איהם איז געווען אונבעשרייבלאך. ליידער האבען זיי זיך לאנג ניט געקענט פרייען, דען אין א פאָר טעג ארום זיינען אריין אהין די באלשעוויקעס, און איידער די פאליאקען זיינען אָבגע־טרעטען האָבען זיי אונטערגעצונדען די שטעדטעל און איהר חרוב געמאכט.

די גאנצע וועג פון ווילייקי ביז קורעניץ האט ער געמוזט פאה־רען מיט פערד, און אזוי ווי די וועג איז דאמאָלסט געווען רי־זיקאליש צו פאָהרען, האָט ער געדונגען סאָלדאטען איהם צו באַ־גלייטען און זיי דאפיר געגעבען הונדערט דאָלאר. קומענדיג נאכ־הער צום שטעדטעל האָט ער שוין דערזעהן איהר גרויסען חורבן. די הייזער, אלע רעגעלע חורבות, איינגעפאלען, צובראכען, די פענסטער פערשטאָפט מיט שמאטעס, די טהירען אלע פער־קלאפט, און קיין לעבעדיגער מענש האָט זיך אויפ'ן גאס ניט געזעהן. די דאָזיגע געפלאָגטע שטעדטעל איז אין א קורצע צייט 9 מאָהל איבערגעגאנגען פון האנד צו האנד, פריהער באזעצט פון די דייטשען, נאכהער פון די רוסען און נאָך אמאָל די דייטשען און אזוי כסדר ביז צום ניינטען מאָל, ווען זי איז באזעצט גע־וואָרען פון די פאָליאקען, און ביי יעדער איבערבייט איז זי צו־שטערט און געפלינדערט געווארען ביז ס'איז אין גאנצען פון איהר א תל געוואָרען.

אָנגעקומען אין קורעניץ איז ער ערב שבת, פ' בלק, און תיקף אוועק אויפ'ן בית עולם בעזוכען די קברים פון זיינע ליעבע על־טערן. גראד איז אין דעם טאג געווען א גרויסע מהומה אין שטעדטעל. די באָלשעוויקעס זיינען געקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער צום שטעדטעל און די פאָליאקען האָבען זיך שוין אָנ־געהויבען צוצוגרייטען איהר צו פערלאָזען. דער רב און די בעלי בתים פון שטאָדט, ביי וועמען ר' משה אליעזר איז געווען ווי א מלאך מושיע פון הימעל, האָבען זיך גענומען בעטען ביי איהם אז ער זאָל ניט שטעלען זיין לעבען אין סכנה און ניט פערבליי־

בען לײנגער אין שטעדטעל, ער זאָל מיטגעהן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקען װעלכע װעלען איהם אַלס אַמעריקאַנער בירגער אודאי רעספּעקטירען, און ניט בלײבען בעת די באָלשעװיקעס װעלען אָנקומען, װײל זײ זײנען שרעקליך בײז אויף די אַמעריקאַנער און בפרט נאָך אויף אַ בורזשוא. אַזוי רײדענדיג האָט זיך שוין טאַקע אָנגעהויבען צו הערען די שיסערײען פון די באָלשעװיקעס און זײנע פרײנט זײנען צו איהם נאָך מעהר צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל נאָך הײנט אַװעק. אָבער ער האָט זײ קאַטעגאָריש געזאָגט, אַז ער בלײבט. ערשטענס, איז הײנט ערב שבת און ער זעהט נאָך ניט אײן די גרױסע סכנה װאָס מען זאָל מעגען צוליב דעם מחלל שבת זײן, און צװײטענס, פאַרשטעהט ער ניט מיט װאָס איז זײן לעבען טײערער װי אַן אַנדערענס לעבען, און אפשר איז טאַקע בעשטימט, אַז ער זאָל דאָ שטאַרבען און קומען דאָ צו קברי אבות.

אין זעלבען טאָג זײנען צוזאַמען געקומען דער רב און די בעלי בתים פון שטאָדט אום מיט ר' משה אליעזר'ן זיך מישב צו זײן, װי מען זאָל זיך פערהאַלטען בײם אָנקומען פון די באָלשעװיקעס. אײנע פון די גרעסטע צרות, װאָס די אַלע שטעדטלאָך האָבען דורכגעמאַכט, פאַר דער צײט, װאָס עס האָט געבושעװעט די מלחמה, און די שטעדטלאָך זײנען איבערגעגאַנגען פון אײן האַנט אין דער צװײטער, איז געװעזען די צרה פון אָריענטאַציע. יעדער צד האָט שטענדיג געהאַט טענות צו אידען, אַז זײ האַלטען מיט'ן צד שכנגד. און אַזוי װי איצט האַלטען די באָלשעװיקעס אין אַרײנקומען אין קורעניץ, איז דער ישוב־הדעת אויב מען זאָל זײ מקבל פנים זײן װי זײ פערלאַנגען. טאָמיר בלײבען זײ אָבער דאָ ניט לאַנג און די פּאָליאַקען װעלען װידער אַרײן, איז רעכט, אַז זײ זאָלען מאַכען אַ תל פון דער שטעדטעל.

ר' משה אליעזר'ס עצה איז געװעזן, אַז געגען די באָלשעװיקעס זאָל מען זיך האַלטען פון װײטען, ער מײנט, אַז זײ װעלען דאָ לאַנג ניט בלײבען, און אין אַמעריקא זאָגט מען, אַז פראַנק־

רייך וועט קומען פוילען צו הילף, און ארויסטרייבען די באָל־שעוויקעס פון פוילישען געביעט. מען דארף זיך רעכענען מיט דער צוקונפט און ניט קוקען אויף די צרות, וואָס מען וועט האָבען פון די באָלשעוויקעס פאר דער קורצער צייט. און כך הוה, די באָלשעוויקעס זיינען פארבליבען אין קורעניץ קנאַפּע 3 חדשים און אז די פּאָליאַקען זיינען שפּעטער אריין האבען זיי טאקע געגעבען קרעדיט די קורעניצער אידען פאר זייער פוילישער אָריענטאַציע. אין דער צייט פון דער אסיפה האָבען שוין אָנגע־הויבען צו פליהען סנאַראַדען איבער'ן שטעדטעל, אַלע זיינען תיכף צעלאָפען זיך בעהאַלטען, ר' משה אליעזר איז פערבליבען דער לעצטער און מיט זיין גרויס בטחון האָט ער פיעלע מענשען בארוהיגט.

געגען אָבענד, בעת די פּאָליאַקען האָבען שוין געהאַלטען ביים אוועקגעהן פון שטאדט, האבען זיך די פוילישע סאָלדאטען צעבושעוועט און אָנגעהויבען צו פּלינדערען די הייזער און די קראָמען. ווי ר' משה אליעזר האָט דאָס דערהערט איז ער תיכף אוועק צום קאָמאַנדיר, האַלטענדיג אין האנד אַן אַמעריקאַנער פלעג, און איהם מתרה געווען, אַז אויב ער וועט ניט באַפעה־לען אָפּצושטעלען די רויבערייען, וועט ער דאָס לאָזען וויסען אין אַמעריקאַ, וואָס פאר פוילען וועט דאָס אודאי קיין טובה ניט זיין. אַ פאָאַר שעה האָט ער מיט איהם אַזוי ארומגע'טענה'ט מיט גוטען און מיט בייזען, ביז דער קאָמאַנדיר האָט געגעבען אַ באַפעהל צו די סאָלדאַטען, אויפצוהערען פלינדערן. די איינ־וואָהנער פון שטעדטעל וועלכע זיינען די גאַנצע צייט געווען בעהאַלטען אין קעלערס האָבען איהם ניט געוואָלט לאָזען געהן צום קאָמאַנדיר, מורא האבענדיג, אַז די סאָלדאַטען זאָלען איהם ניט אומברייננגען, ער אָבער, זייענדיג אַ בירגער פון די פרייעסטע און רייכסטע מדינה אין דער וועלט, וואָס גאַנץ אייראָפּאַ ליגט איהר איצטער צו די פיס, און זייענדיג איבערצייגט אין זיין היי־ליגער מיסיע, איז ער ביי זיך זיכער געווען, אַז עס וועט איהם קיין שלעכטס פּאַסירען.

צוויי און זיבעציג

אויף מאָרגען זיינען אריינגעקומען די באָלשעוויקעס. א 6 7טעג האט געדויערט זייער אריין מארשירען. די סאלדאטען האבען אויסגעזעהן שרעקליך, דאס רוב אָהן יוניפארמס, אַנדערע מיט פּוילישע היטלען, אַנדערע מיט פעלצלאַך אָהן שיך, בכלל שרעקליך אָפּגעלאָזען. אין די ערשטע צוויי וואָכען האָבען זיי זיך בכלל גאַנץ רוהיג אויפגעפיהרט. ניט געטשעפּעט די באַפעלקערונג און מען האָט פון זיי קיין שום צרות ניט געהאַט, די איינציגע צרה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען איז געוואָרען אָבגעשניטען פון דער וועלט. אָבער אין דער דריטער וואָך האָבען די סאָלדאַטען אָנגעהויבען ארויסצואווייזען ביסלעכווייז ווער זיי זיינען. ראשית האָבען זיי אָבגענומען ביי די איינוואָהנער אַלע אָנגעגרייטע לעבענס־מיטעל, איבערלאָזענדיג פאַר יעדער פאַמיליע נאָר אַזוי פיעל ווי אויף 1 וואָך צום לעבען, און צווייטענס, האָבען זיי אַרויסגעגעבען אייגענע געלט און אָבגענומען אַלע רוסישע און פּוילישע געלד, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער באַפעלקערונג. די צרה איז נאָך גרעסער געווען ווען די פּויערים אין דאָרף האבען ניט געוואלט פארקויפען זייערע פראדוקטען פאר די באָלשעוויסטישע געלד, און מען האָט זיי געמוזט געבען בשתיקה אַלטע רוסישע געלד, ווערהענד די באָלשעוויקעס האָבען פערבאָטען, געגען טויט־שטראף, צו קויפען סחורה מיט די דאָזיגע געלד.

איבער 4 וואכען איז ר׳ משה אליעזר פארבליבען אין קורעניץ, ניט קענענדיג אַרויספאָהרען פון שטאָדט אָהן אַן ערלויבעניש, אַ זאַך, וואָס איז געווען שווער פון די באָלשעוויקעס צו בעקומען און בפרט פאַר אַן אַמעריקאַנער. די צייט האָט ער פערבראַכט אונטער די ערגסטע פיזישע בעדינגונגען, ממש ניט געהאט וואס צו עסען. דאס ברויט, אַ געמיש פון קלייען און שטרוי, איז ניט געווען אין מויל צו נעהמען. די שטעדטעל האָט זיך באַמיהט איהם בעסרע עסען צו שאַפען, אָבער איז ניט אימשטאַנד געווען צו באַקומען. נאָר אַמאָל אין אַ נאָווינע פלעגט מען באַקומען פאר איהם פרישע פּאָטייטאָס, וואָס איז אי־

בערגעבליבען אין די גערטנער נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָ־בען אַלעס אויסגעגראבען. ביי דער נאכט האט ער ניט געקענט שלאָפען צוליעב די פיעלע מינים אינזעקטען, און די פארשטיקטע לופט אין די הייזער, דאָך האָט ער מיט א זעלטענער שטאַרקייט אַלץ אריבערגעטראָגען און שטענדיג געווען אין אַ גוטער לוינע. ער פלעגט אויפשטעהן אַלע טאָג א שעה פאר זונען אויפגאַנג אוועקגעזעצט זיך אין יאַרד און געזאָגט תהילים אויפ׳ן קול, וואָס מען האט געהערט אין מעהרערע הייזער אַרום, און געדיענט אַלס אַ סיגנאַל אויפצושטעהן.

פאר דער שטעדטעל איז געווען זיין אַנוועזענהייט א אמת׳ע ישועה. אַ חוץ דער מאַטעריעלער הילף, וואָס ער האָט זיי געבראַכט, האָט ער זיי מיט זיינע שטענדיגע באַרוהיגענדע רייד, מיט זיין מוטה, מיט זיין פרישקייט, מיט זיינע גלייכווערט־לאָך זיי ממש מחיה געווען, און זיי האָבען איהם טאַקע בע־האַנדעלט די גאַנצע צייט מיט אַ גוואַלדיגע ליעבע און מיט רעספּעקט. ניט האָבענדיג וואָס צו טהאָן פלעגט ער כמעט דעם גאַנצען טאָג פאַרברענגען אין בית המדרש אין לערנען און שמועס׳ען, בין מנחה למערב פלעגט ער זאָגען פארן׳ עולם מדרש און עין יעקב. איהם איז דאָרטען אויסגעקומען צו זיין תשעה באב, און ווי ער האט שפּעטער דערצעהלט, האט ער אין זיין לעבען קיינמאַל ניט אַזוי געוויינט אום תשעה באב ווי דעמאָלסט, זעהענדיג מיט די אויגען די צרות און די רציחות וואָס די באָל־שעוויקעס און פריהער די פּאָליאַקען האָבען דאָ אָנגעמאַכט, האָט ער ערשט אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, וואָס חורבן הייסט, וואָס פאַר אַ צרות און יסורים אונזערע עלטערען האָבען דורכגעמאַכט ביים חורבן ירושלים.

מיט די באָלשעוויקעס האָט ער זיך די גאַנצע צייט גע־האַלטען פון וויטען, אויסגעמיעדען יעדע בעריהרונג מיט זיי, נאָר איינמאַל האָט איהם באַגעגענט אַן אָפיציער, ווי ער איז געגאַנגען אָנגעטהאָן אין אַ פּאַנאַמאַ הוט, האָט ער אויף איהם א

געשריי געטאן און געהייסען זאפארט אויסטהאן די הוט, וואס פאסט זיך ניט אריין אין א פראלעטארישע מלוכה.

נון, האט אנגעהויבען צו קומען נעהענטער צו ימים נוראים, און וועלענדיג קומען א היים צו ראש השנה, האט ער שוין אנגעפאנגען צו ריידען וועגען אפפאהרען. אבער ווי פאהרט מען אוועק? די באלשעוויקעס לאזען ניט ארויס פון שטאדט און קיין טריינס געהען ניט, דאך, מיט גרויס השתדלות האט מען גע'פועלט ביים קאמיסאר, אז ער זאל איהם געבען א פערמיט אויף ארויסצופאהרען פון קורעניץ און קענען דערמיט פאהרען ביז ווילנא. קיין בעל עגלה האט אבער ניט געוואלט, ביי די דעמאלסדיגע געפעהרליכע אומשטענדען, ריזיקירען זיך און זיין פערד און מאכען אזא ווייטע נסיעה, און ער האט געמוזט קויפען אליין א פערד און וואגען און בעצאהלען א הויכן פרייז א פוהרמאן פאר'ן אוועקפיהרען איהם קיין ווילנא, זיין ברודער און זיין שוועסטער האבען איהם באגלייט א גרויס שטיק וועג, און כמעט די גאנצע שטעדטעל האט איהם באגלייט מיט א הארציגען „צאתך לשלום,“ זייענדיג באזארגט וועגען זיין סכנות'דיגע רייזע. אינטערעסאנט איז אז ער האט ניט געהאט קיין געלד מיט וואס אוועקצופאהרען פון קורעניץ, אויסגעבענדיג זיין גאנצעס געלד, וואס ער האט מיט זיך מיטגעבראכט, און געמוזט לייען ביי אנדערע אויף הוצאות. קומענדיג קיין ווילנא, האט ער געפונען ביי ר' חיים עוזר'ן א סומע געלד. וואס מען האט איהם אונטערגעשיקט פון ניו יארק, און האט באלד אבגעשיקט קיין קורעניץ דאס געלד, וואס ער האט ביי זיי געבארגט אויף רייזע קאסטען.

דעם 8טען אויגוסט האט ער פארלאזען קורעניץ, 2 מעת לעת האט איהם געדויערט די נסיעה פון קורעניץ קיין ווילנא, וואס הא"ט איהם אפגעקאסט א הון מיט געלד. פערפאהרען איז ער שטילערהייט אין א האטעל זיך ניט ארויסגעבענדיג פאר אן אמעריקאנער. מורא האבענדיג פאר די באלשעוויקעס וואס זיינען דעמאלס געווען די בעלי בתים פון ווילנא, און וואס פלעגען

ארעסטירען אלע אמעריקאנער, וואס זיינען אריינגעפאלען אין זייערע הענט. א דאנק וואס ער האט פארשטאנען גוט צו רעדען אי אויף רוסיש אי אויף פויליש, איז קיינעם ניט איינגעפאלען, אז ער איז אן אמעריקאנער בירגער, און מען האט איהם געהאלטען פאר א היימישען אידען. אזוי גרויס איז דאמאלסט געוועןְ דער שרעק פאר די באלשעוויקעס, אז זיינער אן ערשטער קאזין, א געוויסער קאוארסקי, האט מורא געהאט איהם אריינצולאזען אין שטוב. טאמער גראד מאכט מען ביי איהם אן אונטערזוכונג און מען געפינט ביי איהם דעם אמעריקאנער, און זיך געוואונדערט אויף די אמעריקאנער וואס האבען פאר קיין זאך קיין מורא ניט. דערזעלבער קרוב האט זיך אויך געוואונדערט אין 2 יאהר ארום אויף יקותיאל (סעם) קרעמער אז א לאיער און א יונגער מענש זאל לעגען תפילין אלע טאג.

אן ערך 2 וואכען איז ער אזוי אבגעזעסען אין ווילנא ניט קענענדיג זיך ריהרען פון ארט אוןווארטענדיג טאג פאר טאג ביז די ליטווינער וועלען איבערנעהמען ווילנא און די באלשעוויקעס וועלען אבטרעטען. אבער ניט האבענדיג מעהר קיין געדולד צו ווארטען, ווערענד עס קומט באלד ראש השנה, און וועלענדיג שוין אמאל ארויסקומען אויף דער פרייער וועלט און זיך קענען צוזאמען ריידען מיט אמעריקא, האט ער באשלאסען צו גנב׳ענען דעם גרעניץ נאך ליטא, און מיט גרויס סכנת נפשות האט ער עס דורכגעפיהרט און געקומען א פערמאטערטער און א דערשלאגענער קיין קאוונא.

גאנצע 9 וואכען האט זיין פרוי און קינדער פון איהם ניט געהערט און געווארען שרעקליך בעזארגט און אונרוהיג. זיי האבען געשטורמט וועלטען, יקותיאל האט בעוואויגען דעם סטייט דעפארטמענט צו שיקען קייבעלס אין פערשידענע ערטער אנפרעגענדיג אויף איהם, אבער קיין שפור ניט בעקומען פון איהם. גראד אין זעלבען טאג ווען ר׳ משה אליעזר איז אנגעקומען אין קאוונא האט מר. טשארלס פאסטאן, פון בענסענהוירסט, וועלכער איז דאמאלסט אויך געוועןְ אין קאוונא, בעקומען א קייבעל פון

ניו יארק אָנפרעגענדיג אויב דארט געפינט זיך ניט דער אלטער
קרעמער. ער האָט אים תיכף אָנגעהויבען צו זוכען אין אַלע האָטעלען,
איהם ענדליך געטראָפען און באלד דערפון געלאָזט וויסען די בע־
אונרוהיגטע פאמיליע, און ס'איז געוואָרען שמחה וששון. אזוי ווי
ר' משה אליעזר איז געווען שרעקליך אויסגעמאַטערט און אָנגע־
מוטשעט פון דער שווערער נסיעה, האָט איהם שוין מר. פאסטאָן, אַן
אַלטער גוטער פריינד פון דער פאמיליע קרעמער, ניט מעהר אָבגע־
לאָזען פון זיך, און בעזאָרגט פאר איהם אַ טיקעט קיין ניו־יאָרק, אַ
זאַך וואָס איז אין יענער צייט געווען זעהר שווער. ער איז געפאָהרען
מיט איהם צוזאמען נאָך בערלין, פון דאָרטען קיין ראָטערדאם, וואו
זיי האָבען זיך געזעצט אויפ'ן שיף און אָנגעקומען אין ניו יאָרק
דעם 7־טען סעפטעמבער, נאָכדעם ווי ער האָט פערבראכט אונטער־
וועגס 3 חדשים.

פאר די קורעניצער איז די דאזיגע נסיעה פערבליבען אַ
היסטארישע עראייגנים, און חדשים לאנג האט מען אין קורעניץ
און אין די ארומיגע שטעדטלאך אלץ גערעדט וועגען ר' משה
אליעזר'ס בעזוך און וועגען זיין נאָבעלע פערזענליכקייט. בעת
דער יונגער קרעמער, דער לאיער יקותיאל, האט בעזוכט קורעניץ
מיט 2 יאהר שפעטער, האט ער זיך פערזענליך איבערצייגט פון
זיין פאטער'ס גרויס פאפולאריטעט, און אז די איינדריקען פון
זיין פאטער'ס רייזע איז נאָך ביי אלעמען אזוי פריש געווען ווי
דאס וואלט נעכטען געשעהן. קיין וואונדער ניט אז די טרויריגע
נאכריכט פון זיין פריהצייטיגען טויט האָט ארויסגערופען ביי אַלע־
מען אַ שרעקליכען טרויער. מען האָט איהם געמאכט מעהרערע
הספדים און אין פיל חברות ווערט נאָך איהם קדיש געזאגט און
געלערנט משניות.

זייענדיג אין ווילנא האט ער איבערגעגעבען ר' חיים עוזר'ן
1200 דאלאר אבצושיקען קיין קורעניץ, באלד נאָכדעם ווי זי
וועט בעפרייט ווערען פון די באלשעוויקעס. פאר די פאלגענדע
מוסדות :

א) די תלמוד תורה און ישיבה קטנה, וואו עס לערנען 120 אָרימע קינדער און רופט זיך אויף זיין נאָמען. ער צוזאַמען מיט איינעם פון די עלטסטע קורעניצער לאַנדסלייט, דער נכבד ר' ליב זעליג פארמאַן, האָבען די תלמוד־תורה געשטיצט מיט מעה־רע הונדערטע דאָלאַר יעהרליך, און בכלל איז די דאָזיגע אינסטי־טוציע ביי איהם געווען זעהר חשוב. פאַר'ן ממונה האָט ער אי־בערגעלאָזען דעם רב פון שטאָדט הרב נח הלוי ליוועראַנט, און מיט איהם אויסגענומען א תנאי, אז ער וועט די תלמוד תורה נאָר שטיצען אזוי לאַנג ווי מען וועט דאָרטען לערנען נאָכ'ן אַלטען שטייגער, זיך שטרענג האַלטענדיג אן דער טראַדיציע. ערשט א קורצע צייט פאַר'ן טויט האָט ער געשריעבען א בריף צום רב און איהם אויפגעמונטערט, אז ער זאָל זיך ניט שרעקען פאַר די דאָר־טיגע מאָדערנע אידען וואָס ווילען מאַכען פון דער אידישער תלמוד תורה א גויי'שען בית־הספר.

ב) דאָס בקור חולים וואָס אויף זיין קאָסטען האָט מען דאָרט איינגעאָרדענט אן אַפטייק, און שפּעטער האָט ער נאָך יעדעס יאָהר געשיקט שעהנע נדבות פאַר'ן דאָזיגען וויכטיגען אינסטיטוט.

ג) די באַנק, וואָס באַשעפטיגט זיך מיט געבען הלוואות צו קליינע קרעמער און בעלי־מלאכות. ביז צו זיין טויט פלעגט ער יעדען יאָהר שיקען אַהין א געוויסע סומע געלד אויף צו שטיצען די באַנק, אויך זיין זוהן יקותיאל, בעת ער איז דאָרטען געווען, האָט געגעבען צו דער באַנק א שעהנע נדבה, וועלכע טהוט ווירק־ליך גוטע אַרבייט.

א חוץ די דאָזיגע אינסטיטוציעס האָט ער, און שפּעטער יקותיאל, געגעבען געלד צו מאַכען א גדר אַרום בית־עולם. ער פלעגט אויך אַלע יאָהר פאַר יעדערן יום טוב שיקען געלד אין דער אַלטער היים פאַר קרובים און פאַר בכבודיגע אָרימע לייט, פאַר פסח אויף מעות־חטים און דערגלייכען צרכי העדה.

די קורעניצער לאַנדסלייט האָבען ווירקליך געוואוסט ווי

אָבצושאַצען די גרויסע פערדינסטען וואס ר' משה אליעזר האט אויפגעטהאן מיט זיין נסיעה. באלד נאָך סכות האבען זיי איהם געגעבען אַ הארציגען קבלת פנים, און אַ דעלעגאַציע באַשטעהענד פון מר. פסח לוריא און מר. קלמן נחום שפר, האבען איהם דער־לאנגט אַ אדרעס אין דער העברעאישער שפּראך וועלכע לייענט זיך ווי פאלגט:

כי תראה ערום וכסיתו, ומבשרך אל תתעלם.
אז יבקע כשחר אורך וארוכתך מהרה תצמיח.

מכתב תודה

לאחינו האהוב נכבד ויקר ערך כמר משה אליעזר קרעמער

אח יקר! קח ממנו את ברכתנו, ברכת אחים, אשר הובאת לך על הישועה הגדולה שהמצאת לאחינו האומללים, נגעי המלחמה, בעיר מולדתנו קורעניץ.

לא חסת על כל עמול ועל כל כסף, בחרף נפש עברת את הים, ענית בדרך כחך לראות בענות אחינו ולהיות להם לאחיעזר ולאחיסמך. נגדה נא כל אחינו אנו אומרים לך יישר כחך!

ואנחנו תפלה, כי אחינו יצאו מצרה לרוחה ולך תהיה צדקה. וד' ישלם פעלך ותאריך ימים ותנוב בשיבה טובה באושר ועושר, ותראה נחת מבניך ומכל בני משפחתך כעתירת אחיך הבאים על החתום):

פסח ב"ר אליעזר לוריא
אהרן ב"ר שלמה גארדאן
מענדיל ב"ר יהודה לוריא
ברוך צוקערמאן
יוסף ב"ר אברהם אהרן וויים
אברהם בנימין דימענטשטיין
מאקס אלבערטס
אריו ב"ר יצחק צימערמאַן
יעקב ב"ר אבא דינערשטיין

חיים פייקין
משה ווייס
ברוך קאפילאוויץ
אליו אברהם אלבערט
משה זאב ספיר
אליו גרשון ב"ר ישראל איסר
נח רובין
פסח שאפיר
קלמן ב"ר אליעזר לוריא
שמעון ב"ר יהודה ליב בעננים

אויף אידיש לייענט זיך די אדרעסע:

א דאנק אדרעס.

צו אונזער ליבען, זעהר געשעצטען ברודער ר' משה אליעזר קרעמער.

טייערער ברודער! עמפפאנג אונזער ברידערליכע ברכה פאר דער גרויסער הילף וואס דו האסט געבראכט צו אונזערע עלענדע און אומגליקליכע ברידער, די געפלאגטע און געליטענע פון דער מלחמה אין אונזער געבורטסארט קורעניץ.

מיט גרויס מסירת נפש האסט דו אונטערנומען אזא געפעהר־ליכע נסיעה, ניט שפארענדיג קיין געלד און ניט שוינענדיג קיין געזונד. זיך שטארק געפייניגט אין וועג און אלץ געטאן כדי צו העלפען אונזערע אונגליקליכע ברידער. דאריבער זאגען מיר דיר א ברייטען „יישר כח"!

מיר זיינען אלע מתפלל צום אלמעכטיגען, אז עס זאל שוין נעהמען א סוף צו די צרות פון אונזערע געשלאגענע ברידער אויף יענער זייט ים, און דיר זאל ער בעלוינען פאר די נאבעלע מעשים וואס דו האסט געטהאן פאר זייערטוועגען. זאלסט זיך עלטערן אין פרייד און נחת, אין גליק און אין רייכטהום, און דער זכות

פון דער גרויסער מצוה זאל ביישטעהן פאר דיר און פאר דיינע טייערע קינדער.

אזוי ווי עס בעטען פאר דיר דיינע ברידער וואס שרייבען זיך דא אונטער.

(אונטערשריפטען)

16

זיין אָבשאצונג אין דער פּרעסע

צו פערפאלקאמען דאס בילד פון זיין פערזענליכקייט וועלען מיר דאָ איבערגעבען א קצור פון צוויי צייטונגס ארטיקלען, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען וועגען איהם אין „אידישעס טאגעבלאט“ און אין „די ברוקלין־בראנזווילער פּאָסט“ פון צוויי פארשידענע שרייבער און אין צוויי פערשידענע צייטען.

די „טאגעבלאט“ פון 6 אקטאבער 1922 שרייבט:

... ס'איז פאראן א מערקווירדיגע שוהל אין ניו יארק וואו די דאוונערס דארפען ניט צאהלען קיין „דיוס“, אפילו פאר עליות אויך נישט. נאָך מעהר חידוש איז אין דער דאזיגער שוהל, וואס זי האט ניט קיין פּרעזידענט און ניט קיין גבאי, בקצור א שוהל וואס זי איז אנדערש ווי אלע שוהלען.

„די דאזיגע וואונדערבארע שוהל געפינט זיך אין א פּריוואַט הויז אין בעסענהוירסט 113 בעי 13טע סטריט, ברוקלין, און געהערט צו ר' משה אליעזר קרעמער, א מאנופעקטשורער אויף בראָדוויי, וועלכער האט איהר אויפגעבויט אין זיין הויף און ווערט פון איהם אויסגעהאלטען. ווער עס וויל דאוונען קען קומען דאוונען, ניט מעדארף בעצאהלען פאר'ן מקום און ניט פאר אן עליה. אין דער שוהל געפינען זיך שאפעס מיט א סך ספרים און ווער עס וויל קומען לערנען קען דארט לערנען כאטש א גאנצען טאג. ר' משה אליעזר אליין שפּילט די ראלע פון שמש ניט פון בעל־הבית, דערלאנגט אליין יעדערן א סידור און האט פאר יעדערן א גלייכווערטיל, מייסטענס א גמרא ווערטיל.

„אינטערעסאנט ווי עס געהט דארטען צו א שבת, גאנץ נאכ'ן

אמת'ען היימישען שטייגער. נאכ'ן דאוונען אז דער עולם צוגעהט זיך בלייבען שטענדיג איבער א קארגען מנין, וואס פערבלייבען ביי מר. קרעמער אויף א גאנצען שבת. עטליכע פון זיי זיינען דוקא רייכע אידען, בעקאנטע סוחרים, וואס קומען אפט צו איהם פערברייגען א ווירקליכען שבת. עטליכע זיינען טאקע אמת'ע אורחים, א רב, א מגיד וואס פערבלאנדזשעט קיין בענסענהוירסט מאכען א פאאר דאלאר; א איד א פרעסער א בן תורה, וואס האט א ווייב און קינדער אין אייראפא און קומט אויף שבת צו מר. קרעמער. מען זעצט זיך ארום טיש, וועלכער איז לכבוד שבת אויסגעפוצט מיט זילבערנע לייכטערס און קאנדעלאבערס, דער בעל־הבית און די אורחים מאכען קידוש אויף זילבערנע בעכער וויין, מען עסט די בעסטע מאכלים, מען טרינקט די בעסטע משקאות, און צווישען איין מאכל מיט'ן צווייטען כאפט מען אונטער ריידען א שטיקעל תורה, א גמרא ווארט, א טייטש אין א פסוק וכדומה.

נאכ'ן בענטשען האט מר. קרעמער אליין ארויפגעפיהרט די אלע אורחים אפ־סטערס און יעדערן אנגעוויזען וואו צו שלאפען. ארום 4 אזייגער פארטאג הייבט זיך אן צו הערען פון מר. קרעמער'ס צימער דער אלטער בעקאנטער גמרא ניגון און אזוי לערנט ער כסדר ביז א זייגער 7 אין דער פריה, ביז דער עולם קלייבט זיך צוזאמען אין שוהל, וואו ער זאגט פאר זיי א בלאט גמרא. ער זאגט דעם בלאט גמרא מיט גרויס הבנה, א שעהנער בעל מסביר און קענטיג פון זיין רייד, אז ער איז א רעכטער בקי. געגען ניין אזייגער שטעלט מען זיך דאוונען, ווידער צוטהיילט מר. קרעמער סדורים, לייענט אליין אין ספר תורה, טהיילט אלעמען כסדר עליות און קיינער איז גארניט מנדר. נאכ'ן דאוונען געהט דער גאנצער עולם צו איהם אין שטוב אויף קידוש, מען מאכט לחיים'ס, און צו פערבייסענס גיט מען די אמת'ע בריהידיגע קיכלעך מיט קוגעל און מען פערברייגגט אזוי א שעה צייט. די געלאדענע געסט פערבלייבען צום „טשאלענט" און ווידער הערט מען תורה שמור־עסען, און צוזאמען מיט אלע גוטע געריכטען ליגען אויפ'ן טיש

אנגעוואָרפען גמרות, וועלכע מען האט געדאַרפט ברייננען אין מי־
טען שמועס. צוקוקענדיג אזא סאַרט לעבען פערגעסט מען זיך
ממש, אז מען געפינט זיך אין די רוישיגע נויאָרק, און יעדער
שטעלט זיך פאר, אז ער געפינט זיך גאר א היים אין זיין שטעטעל.

„באמת איז ר׳ משה אליעזר קרעמער א זעלטענער טיפּ,
שוין אן ערך 30 יאהר וואס ער איז געקומען פון זיין ליטווישע
שטעדטעל קיין נויארק, און פארבליבען דער שעהנער היימישער
גביר מיט תורה און מיט צדקה, א מענש וועלכער זאגט „כל
דכפין ייתי וייכול״ (ווער ס׳איז הונגעריג זאל קומען עסען) ניט
בלויז פסח נאר אלע טעג פון א גאנץ יאהר. א חוץ דעם האט ער
א סך געלד אויסגעליהען אויף גמלות חסדים, און ווער עס קומט
צו איהם נאך אן הלואה, לייהט ער קליינע און גרויסע, אין הונ־
דערטער און אפילו אמאל אין טויזענדער.

„קען מען דאך מיינען אז נאָר מר. קרעמער דער פאטער איז
אזוי, אָבער באמת געהען זיינע קינדער, וואס זיינען שוין אויפגע־
וואקסען אין אמעריקא, אין די אייגענע דרכים. דער עלטערער זוהן
אינטערעסירט זיך שטארק פאר דער „ישיבת רבנו יצחק אלחנן״
און איז איינער פון איהרע דירעקטארען. ווידער אן אנדער זוהן
א לאָיער איז איצט געפאהרען נאָך ארץ־ישראל זעהן דאס
אידישע לאנד״.

ב) „די ברוקלין־בראנזוויל פּאָסט״ פון י״ח אלול תרפ״א שרייבט:

„... א פערזענליכער פריינד פון אונזער צייטונג האט אונז
אויפמערקזאם געמאכט אויף א וואונדערבארען אידישען טיפּ,
וועלכער לעבט און ווירקט אויף זיין אייגענארטיגען שטייגער, און
וועלכער רופט ארויס בעוואונדערונג פון יעדען איינעם, וועלכער
נעהמט זיך די מיהע צו בעטראכטען פון דער נאהנט דיעזען זאנ־
דערבארען און זעלטען שעהנעם ארט לעבען״.

„אויף ר׳ משה אליעזר קרעמער פון 113 בעי 13טע סטריט,
בעטה־ביטש קען אָהן שום ספק אנגעמאסטען ווערען דער אויס־
דרוק פון תלמוד „במקום ענותנו שם אתה מוצא גדולתו״ ווייל
ווי אלע ווייסען איז אונזער אמעריקא געבענשט מיט טויזענדער

און טויזענדער אידען, וועלכע ווען זיי גיבען אמאל א דאלאר אויף וואס פאר א צדקה אָדער כלל־זאך עס זאָל ניט זיין, לאָזען זיי פריהער, דירעקט אָדער אונדירעקט, קלינגען אין אלע טאצען און אין אלע צייטונגען ווערט א געפילדער, אז ר׳ זרח ב״ר גרונם האט געגעבען אָדער וועט געבען תרפ״ת אלפים און געוועהנליך ענדיגט זיך דערמיט וואס דער בארג האט געבוירען א מויז...
דערפאר איז אזוי אינטערעסאנט און עס מאכט אזא געוואלדיגען אנגענעהמען איינדרוק צו זעהן א טיפ פון אן אמת׳ן אידישען בעל־צדקה, וועלכער טהוט אזוי פיעל גוטעס אהן שום פרעטענ־זיעס און מאהנט פון קיינעם גאר ניט, ווייל אלעס וואס ער טהוט שטאמט פון זיין ריינעם מענשליכען הארץ און עס טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון אמת אידישען געפיהל, יושר, רחמנות און פילע אנדערע שעהנע און ערהאבענע אידישע און אלגעמיינע מענשליכע זיטען.

„אום צו בעקענען זיך מיט דער גאנצער שעהנקייט פון דער ערהאבענער נשמה פון ר׳ משה אליעזר קרעמער און זיין פאמיליע איז כדאי פאר יעדען צו קומען אהין אויף א שבת. 3 פריינד זיי־נען מיר צוגעקומען צו די קרעמער פאמיליע אום שבת 10 אוהר אין דער פריה, וואו מיר האָבען געפונען אויפ׳ן הויף א שוהל מיט אונגעפעהר 5 מנינים אידען וועלכע האבען געשמאק גע־דאווענט. דער בעל־הבית אליין איז געשטאנען ביים שלחן און אויסגעטהיילט עליות צו די געסט און אויך צו זיינע אנדערע שטענדיגע מתפללים. אויף די געזיכטער פון די דאוונער האט זיך אָבגעשפיגעלט א ווארימע געגענזייטיגע פריינדשאפט און איבער־הויפט די שבת־רוה און דער נשמה־יתירה געפיהל, וואָס איז כמעט ניט צו געפינען אין אמעריקא אפילו ביי די שוהל אידען.

„זיינעביידע זיהן און אן איידעם זיינער, אמעריקאנער יונגע לייט, האבען אויפגעפאסט אז יעדער זאל האבען א פלאץ צו זיצען און די נויטיגע בעקוועמליכקייטען. די האלטונג פון מר. קרעמער ווי אויך פון זיינע קינדער צייגען ניט אויף א האָר, אז זיי זיי־

נען די בעלי־בתים, נאר זיינען גלייך מיט אלע, און אין א געוויסען זין נאָך קלענער פון אלעמען, ווייל זיי באדינען אלע און צייגען גרויס אויפמערקזאמקייט צום גרעסטען און קלענסטען. נאכ'ן דאווענען זיינען אלע אריין צו מר. קרעמערס בעקוועמען דיינינג רום, זיך אלע אויסגעזעצט ארום גרויסע טישען און מר. קרעמער אליין האט אלעמען בעדיענט, און ביז אלע זיינען ניט געווען בעזארגט מיט אלעם גוטען האט ער זיך ניט געזעצט צום טיש. מען האט געמאכט א „קדושא רבה", גאר אויפ'ן גרויסען אופן, און נאכהער זיינען ביי א צעהן פערזאָן, די אורחים פון דאָזיגען שבת, פערבעטען געווארען אין א צווייטען עסצימער צו דער שבת־סעודה, אָבער שוין א סעודה, ממש כסעודת שלמה בשעתו. אָט דיעזע גאנצע פראָצעדורע ווערט ווידערהאָלט יעדען שבת און יום־טוב, א דאנק דער עקרת־הבית מרת רחל עלקע קרעמער, א ריכטיגע פאר צו איהר מאן וואס מיט גרויס פערגעניגען העלפט זי איהם אין אלע זיינע פיהרונגען. זאגאר די דיענסט זייערע, א בעיאהרענטע אידישע פרוי, איז אויך ווי צוגעפאסט צו דער דאָזיגער הכנסת־אורחים פאמיליע, זי דערמאָהנט מיט זיך דעם טיפ עפעס ווי די „אמתא דבי רבי", דעם געוועהנליכען איינדרוק פון א דיענסט מאכט זי פאר קיין פאל ניט.

„אבער די מדה פון הכנסת אורחים אליין, איז נאך ווייט ניט אין גאנצען מיט וואס די זאנדערבארע פאמיליע צייכענט זיך אוים. אזוי צום ביישפיעל האָבען מיר ערפאהרען אז מר. קרעמער האט שוין פון יאהרען לאנג איינגעפיהרט ביי זיך א גמלות־חסדים, וואו ער באָרגט אוים געוואלדיגע סומעם ביז אין די שווערע טויזענדער, וועלכע צירקולירען אלס קלענערע און גרעסערע הלואות צו א מאסע מענשען און צאהלען אפ אין קליינע סומען.

„אין לעצטען יאהר האט ר' משה אליעזר קרעמער אויף איינענעם רעכנונג און פעראנטווארטונג פארגענומען א רייזע נאך יוראפ, וואו ער האט אוועקגעפיהרט גרויסע סומען געלד, אין די צעהנדליגער טויזענדער דאלאר, פון די קורעניצער לאנדסלייט

און אייגענע, אויפצוריכטען די חורבות פון זיין געבורטסשטעדטעל קורעניץ, וואס די פוילישע און רוסישע כוליגאנעס האבען דארטען געמאכט. ער האט די דארטיגע אידען מיט זיין שליחות ממש מחיה געווען.

„איין זוהן פון מר. קרעמער איז א לאיער, די אנדערע זיהן זיינען מיט איהם צוזאמען אין פענטס מאנופעקטשורינג ביזנעס אין 687 בראדוויי, נויארק. לאיער קרעמער איז יעצט אויף א רייזע נאך יוראפ און ארץ־ישראל. דער צוועק פון זיין רייזע איז איינמאל פאר אלעמאל אויסצוגעפינען דעם אמת וועגען ארץ ישראל, כדי צו וויסען וואס פאר א שטעלונג צו נעהמען צו דער ארץ־ישראל בעוועגונג בכלל און צו די פערשיעדענע פראקציעס אין ציוניזם בפרט. די דאזיגע פראגע אינטערעסירט שטארק לאיער קרעמער אליין און זיין ווירדיגען פאטער און זייער גאנצער פאמיליע.

„ווען מיר בעטראכטען דיעזע אידישע נאבעלע און זעלטענע פאמיליע, און איבערהויפט דעם פאמיליען פאטער ר' משה אליעזר קרעמער, וועלכער איז דער פיהרער און דער טאן־געבער פון דיעזע אלע שעהנע און ערהאבענע אידישע און מענשליכע אויפטהור־אונגען — פרעגען מיר זיך, צו איז דאס בלויז א יקר המציאות אדער טאקע נאר א חד בדרא, ומי יתן וירבו כמותו בישראל!”

זיינע לעצטע טעג

ר׳ משה אליעזר איז געווען כל ימיו א געזונטער, שטארקער מענש און זעלטען ווען קראנק געווען, נאר צוליב דעם וואס ער האט די ערשטע צייט פון זיין קומען קיין אמעריקא געשלאפען אין א קאלטען שאפ האט ער זיך שטארק צוגעקיהלט און איז פער־בליבען „א הוסטער" אויף זיין גאנצען לעבען. דער הוסט האט איהם אָבער ווייניג געשטערט און ער איז פעהיג געווען צו אר־בייטען טאג און נאכט און אויסקומען מיט זעהר ווייניג שלאף. מיט א יאהר עטליכע און צוואנציג צוריק, איידער ער האט גע־בראכט די פאמיליע, האָט ער אָנגעהויבען צו ליידען אויפ'ן מאָגען און געגאנגען צו א דאקטאר. דער דאקטאר האט איהם זעהר שטארק אָנגעשראקען, איהם פערשריעבען א מעדעצין, און אָנגע־זאגט ניט צו עסען געוויסע שפייזען און ניט צו טרינקען קיין משקה וואס האט אין זיך אַלקאָהאָל. אזוי פאלגענדיג דעם דאקטאר האט ער אָנגעהויבען צו פיהלען אז ער ווערט שוואכער פון טאג צו טאג און אָנגעהויבען שטארק צו ליידען פון קאָפּשווינדעל. אין איין שעהנעם טאג כאפט ער און גיסט אויס די מעדיצין, פאַנגט אָן צו עסען אלץ וואָס דאָס הארץ גלוסט, נאָך מאכענדיג דערביי א שנעפסעל, און מערקווירדיג, עס האט אויפגעהערט דער קאפשווינדעל, האט זיך אָנגעהויבען פיהלען געזונדער און שטאר־קער, און אזוי אָבגעלעבט איבער 25 יאהר ניט אָנקומענדיג צו א דאקטאר.

מיטוואך כ"ח ניסן, תרפ"ה, האט ער אָנגעהויבען צו פיהלען א שטאַרקע שווערעניש אויפ'ן ברוסט, געבליבען אין הויז, און ניט

געפאהרען צו די ביזנעס אין ניויארק. בעקומענדיג א ביסעל היץ האט מען גערופען א דאקטאר, וועלכער האט ערקלערט אז ער האט א געוועהנליכע פערקיהלונג, וואס אין א פאאר טעג ארום וועט דאס פאריבער געהן, ער דארף אבער ניט ארויס פון בעט. דער דאקטאר איז געקומען יעדען טאג און איהם ערלויבט מאנטאג אויפצושטעהן פון בעט, פערבלייבענדיג אין דער היים. דינסטאג אוועגד האט ער זיך אנגעהויבען צו פיהלען ערגער. מען האט גע־בראכט ספעציאליסטען, געמאכט אן אונטערזוכונג מיט „עקס־רעי" און קיין שום פארדעכטיגען סימפטאם ניט געפונען. אבער אונער־ווארטעט איז ער דאנערשטאג מארגען 6 אזייגער אין דער פריה רוהיג איינגעשלאפען דעם אייביגען שלאף און געשטארבען א מיתת צדיקים.

פאר דער גאנצער צייט פון דער קראנקהייט איז ער געווען גאנץ מונטער, זיך געזעגנט מיט די בני־בית אויך מיט די בעז־זוכער, וועלכע זיינען געקומען איהם מבקר חולה זיין, און די גאנצע צייט זיך געערגערט וואס מען מאכט אזא טומעל פון זיין קראנק־הייט. נאך אין אווענד פאר זיין טויט האט ער געענטפערט מיט שפאס צו הרב דייווידסאן, וועלכער איז געקומען איהם מבקר חולה זיין און געפרעגט ווי ער פיהלט זיך. „צו ווייסט איהר ניט אז שוטה אינו מרגיש".

די לויה האט שטאטגעפונען אם זעלבען טאג 3 אזייגער נאכמיטאג און כאטש ס'איז קנאפ צייט געווען צו קענען לאזען וויסען דורך די צייטונגען און ניט אכטענדיג אויף דעם גרויסען רעגען וואס איז געגאנגען דעם גאנצען טאג, זיינען דאך צוזאמען געקומען הונדערטער מענשען, דערונטער די שעהנסטע רבנים און בעלי־בתים פון גרייטער ניויארק און פון די דערבייאיגע שטעדט־לאך. זיי האבען איינער דעם אנדערן אנגעזאגט די טרויעריגע נייעס דורכ'ן טעלעפאן. צעהנדליגע אויטאמאבילס האבען זיך גע־צויגען נאכ'ן ארון ביז צו דער מאונט־כרמל סעמעטערי, וואו ער האט געפונען זיין אייביגע רוה אויף זיין פלאט, וואס ער האט

מיט יאהרען צוריק געקויפט. צו דער טהרה און צו דער הלבשה האט מען נאר צוגעלאזען חסידים יראים. קיין הספדים זיינען ניט געמאכט געווארען, ווייל אזוי איז געווען דער רצון פון נפטר ז"ל.

גיינציז

נעקראָלאָגען און טרייסט בריעף.

די גמרא דערצעהלט: מען האט געפרעגט דעם גרויסען רב „איזהו בן עולם הבא?" האט ער זיי געענטפערט מיט א פסוק פון ישעיהו: ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר זה הדרך לכו בו כי תאמינו וכי תשמאילו (קאפ. ל"ו פסוק כ"א), רב וויל דערמיט זאָגען אַז אַזוי לאַנג ווי דער מענש לעבט, קען מען ניט וויסען ווי איהם ריכטיג אָבצושאצען, יעדער מענש האט שונאים אדער סתם בעלי־קנאה וועלכע זוכען איהם ארונטערצורייסען, אדער חונפים וואס ווילען איהם הנפ'ענען און דערצעהלען אזעלכע שבחים וואס ער האט גאר ניט. ערשט ווען דער מענש געהט אוועק פון דער וועלט און עס הערט אויף סיי קנאה און סיי חנופה, ווייסט מען דעם אמת אויב יענער איז טאקע א בן עולם־הבא, הערענדיג וואס מען זאגט דאמאלסט אויף איהם. נון דער גרויסער טרויער וואס ר' משה אליעזר'ס פריהצייטיגער טויט האט ארויסגערופען אין דער אידישער וועלט, די פיל שבחים וואס יעדער איינציגער האט געזאָגט אָהן שום חניפה, זיינען די בעסטע באווייזע וואָס פאר א וויכטיגע פערזענליכקייט ער איז געוועזן, און אז ער איז טאקע דער אמת'ער בן עולם־הבא.

אין זעלבען טאָג פון זיין פטירה האָבען די נויאָרקער אי־דישע צייטונגען, ובפרט די קאנסערוואטיווע, געלאזט וויסען זיי־ערע לעזער פונ'ם גרויסען פערלוסט פאר דער אידישער אמעריקא דורכ'ן אונגעריכטען טויט פון אזא אידישען אידען, און אויך גע־בראכט קורצע אויסצוגע פון זיין ביאגראפיע. באלד דארויף האבען זיך אָבגערופען מעהרערע אינסטיטוציעס און יחידים, און עפענט־

ליך דורך דער פרעסע אויסגעדריקט זייער גרויס צער און זייער הארציגער טהיילנאהמע צום שמערץ פון דער אלמנה מיט די קינדער. די ערשטע זיינען געווען די רבנים און די אגודת חסידים פון כולל חב"ד אין ניו יארק, און דערנאך די „אגודת החסידים" פון שיקאגא. עס האבען זיך אויך אבגערופען פילע וואוילטהעטיגע אינסטיטוציעם: ישיבות, האספיטאלס, בית יתומים, רעליגיעזע און פילאנטראפישע אנשטאלטען.

צווישען די הספדים אין די צייטונגען, געפינט זיך אויך א נעקראלאג פון איינעם א פשוט'ן אידען, ניט קיין רב ניט קיין כלל־טוער א איד א זקן וועלכער האלט זיך פאר א תלמיד פון פערשטארבענעם, ר' שמריהו שמעריל ריכטער, וועלכער איז געשריבען אזוי הארציג, אזוי תמימות'דיג און אין אזא שעהנעם העברעאיש מיט א פארצייטיגער קלינגענדיגער מליצה, אז מיר געפינען פאר נויטיג, אלס כאראקטעריסטיק, דאס איבערצוגעבען בקצור אין דער אידישער שפראך. אנהויבען הייבט זיך אן מיט פאלגענדע הארצרייסענדע ווערטער:

„איך הייב אויף א קול פון א געוויין, פון א ביטערען קלאג, פון א שווערען טרויער אויפ'ן טויט פונ'ם גרויסען טייערען וויכטיגען מענשען, דער גרויסער ירא־שמים, דער גרויסער בעל־צדקה, דער גרויסער מכנים־אורח, דער גרויסער תלמיד־חכם, מיין רבי און מיין לעהרער דער חשוב'ער גביר ר' משה אליעזר בן ר' יחיאל מיכל הלוי קרעמער ז"ל, וועלכער איז צו אונזער אלעמענס שמערץ, אין די בעסטע יאהרען פון אונז אבגעריסען געווארען. דאנערשטאג פ' אחרי־קרושים, 6טען טאג אין חודש אייר, תרפ"ה, הלך למנוחות ואותנו עזב לאנחות.

„נאך מיט א 3 חדשים צוריק, אום ר"ח שבט, האט ער געפייערט מיט אונז אלעמען צוזאמען דעם סיום־הגדול אויף גאנץ ש"ס, וואס ער האט מיט אונז, זיינע תלמידים, געלערענט א משך פון 10 יאהר. ער האט שוין געהאט אנגעפאנגען צו לערנען מיט אונז א צווייטען מאל ש"ם און אזוי כסדר געלערנט ביז צום לעצטען שבת פ' שמיני, און כאטש ער האט זיך שוין געפיהלט

שוואַך און קראַנק, דאָך האָט ער געלערנט נאָך גאַנצע 3 שעה און דערגרייכט ביז דף נ״ז אין מסכת שבת. אבער לײדער, לײדער איז דאס געווען זיין לעצטער שבת . . . אָה, ווי איך טהו מיך נאר עראינערן אן דעם, גיסען מיינע אויגען שטראמען טרערען. און איך געפין קיין טרייסט ניט. געוואלד טייערער רבי, טייערער פריינד, פארוואס האסט דו אונז אזוי שנעל פערלאזען, געמאכט אונז אלטע אידען, דיינע שטענדיגע תלמידים און צוהערער, פאר עלענדע יתומים. עס לאזט זיך גאר ניט שילדערן ווי גרויס די אבידה איז, א אבידה וואס קען שוין קיינמאל ניט צוריקקומען, און דער איינציגער טרייסט איז וואס די היילינע גמרא זאגט „גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן״, אז דו אין עולם האמת וועסט דו זיין א מליץ טוב פאר אונז אלעמען.

„און אייך נידערגעשלאגענע און בעטריבטע אבלים ; די אשה הצנועה והיקרה מרת רחל עלקע, די טייערע זין : חיים שניאור זלמן, אברהם דובער, יצחק אריה, יקותיאל און די טייערע טעכטער ווי אויך אלע אנדערע קרובים, ווינשע איך אז דער בורא ברוך הוא זאל אייך טרייסטען צווישען די אלע אבלי ציון וירושלים, שטארקען אייערע הערצער צו קענען געהן אין די אויסגעטראטענע וועגען פונ׳ם גרויסען נפטר ז״ל און זאל אייך גוט געהן אין אלע צייטען אמן.

עס שרייבט מיט טרערען איינער פון די אמת׳ע פריינד און תלמידים פון נפטר ז״ל.

שמריהו שמעריל ב״ר נחום שלמה ריכטער.״

נאטירליך, דאס קוים האט מען זיך דערוואוסט פון גרויסען אונגליק אויף יענעם זייט ים, האבען אָנגעהויבען אָנצוקומען צו די אבלים הונדערטער טרייסט בריף אין העברעאיש, אידיש און ענגליש פון נאָהענט און פון ווייט, דארונטער פון זעהר וויכטיגע פערזענליכקייטען וואס האבען ווירקליך פערשטאנען אָבצושאַצען די גרויסע פערדיענסטען פון נפטר ז״ל. די מעהרסטע בריף זיינען

געשריבען אין העברעאיש און מיר ווערען דא איבערגעבען איינינע פון די בעזאנדערס הארּאקטעריסטישע בריף אין דער אידישער שפראך, אנהויבענדיג מיט'ן טרייסט בריף פונ'ם ליובאוויטשער רבי'ן האדמו"ר רבי יוסף יצחק שניאורסאן שליט"א, פון וועלכען מיר גיבען דא איבער א פאטאגראפיע פון אריגינאל בריף.

פיר און נײנציג

דער טרייסט בריוו פון ליובאוויטשער רבי'ן

ב"ה

ר"ח סיון תשט"ז

ברוקלין

כבוד ידידי [illegible] הנכבד ר' משה אליעזר [illegible] שי'

אשר בראש "אגודת חסידי חב"ד" [illegible]

[illegible] ה' עליהם יחיו

שלום וברכה,

נבעשתי ונבהלתי מהשמועה המעציבה, המזעזעת, ידידי ויקירי אנ"ש שי', אשר [illegible]

[illegible]



זעקס און בזינציג

ב"ה, יום ד' ח"י סיון תרפ"ה, לענינגראד.

„צו מיינע געהערטע פריינד, די קינדער פון מיין פריינד, דער חסיד און דער גביר ר' משה אליעזר ז"ל, דער פרעזידענט פון דער אגודת חסידי חב"ד דארצות הברית וקענעדע, לעבען זאלט איהר און שלום וברכה צו אייך.

„ערציטערט און דערשראקען בין איך געווארען פון דער טרויעריגער נאכריכט איבער דעם טויט פון מיין פריינד און דער פריינד פון אנשי שלומינו. אייער טייערער און רעכטשאפענדער פאטער, וועלכער האט זיך שטענדיג געיאגט צו טהאן צדקה און גמלית חסדים, וועלכער האט געליעבט און געשעצט לומדי תורה, וועלכער איז געווען ווי א ברודער צו אלע אונזערע חסידים אהן אן אויסנאהם. איך בעקלאג דאס פערלוסט פון אזא מאן וועלכער איז געווען פון די געצעהלטע און אויסגעצייכענטסטע צווישען מיינע גוטע פריינד. גרויס איז דער שאדען פאר'ן אמעריקאנער חסידיזם, וואס איז צובראכען געווארען דער זייל אויף וועמען די אגודת חסידי חב"ד אין אמעריקא האט זיך געשטיצט. איך בעדויער אייך, ליעבע קינדער, וואס אייער זון איז אונטערגעגאנגען ניט אין דער צייט. גרויס ווי דער ים איז אייער בראך, ס'איז אראבגענומען געווארען די קרוין פון אייער קאפ און ווער קען אייך טרייסטען?

„איין איינציגער טרייסט איז וואס זיינע צדקות בלייבען אייביג, זיין גוטער אנדענקען וועט קיינמאל ניט פערגעסען ווערען און זיין נשמה בלייבט פארבונדען אין אייביגען לעבען. דער זכות פון דער הייליגער תורה וואס ער האט אליין געלערנט און געהאלפען אנדערע צו לערנען, דער זכות פון זיינע גוטע מעשים אויפצוהאלטען דאס ליכט פון דער תורה און די שיינענדיגע מצוות, דער זכות פון זיין איבערגעגעבענע ארבייט צו פעראייניגען די חסידי חב"ד אין אמעריקא און זיי פיהרען אין די וועגען פון אונזערע הייליגע עלטערן — אט דאס אלץ וועט איהם ביישטעהן אז זיין נשמה זאל דערהויבען ווערען מעלה מעלה, אלץ העכער און העכער, ביז זי וועט דערגרייכען די העכסטע מדרגה וואו עס גע-

פינען זיך די נשמות פון אונזערע הייליגע עלטערן, וואָס ער האט געהיט זייערע געבאטען און געגאנגען אין זייערע וועגען, ביז עס וועט קומען די צייט ווען די טויטע וועלען ווידער לע־בעדיג ווערען, די צייט פון תחית המתים.

„און איהר מיינע פריינדע, עס שטעהט געשריעבען „בן יכבד אב" און חז"ל זאגען אז די מצוה פון כבוד אב איז ניט בלויז בחייו נאָר אויך נאך זיין טויט, דאריבער בעט איך אייך, אז איהר זאלט אויך איצט אבגעבען כבוד צו אייער געעהרטען פאטער ז"ל, דערמיט וואס איהר וועט געהן אין זיינע דרכים, אינ'ם דרך פון תורה און מצוות, אין דעם רעכטפארטיגען וועג וואס אייער טייערער פאָטער האָט אויסגעטראָטען. דאָס זאָל אייך דיענען אלס וועגווייזער אין אייער לעבען, אנצוהאלטען דעם גרויסען צובונד וואס אייער פאטער האט געהאט צו דער טראדיציע פון אונזערע הייליג עלטערן, וואָס דאָס וועט באלייכטען אייערע וועגען און וועט אייך פיהרען צו א רייכען און גליקליכען לעבען. דער ליכ־טיגער גייסטיגער געשטאלט פון אייער פאטער זאָל שטענדיג שווע־בען פאר אייערע אויגען און פאר די אויגען פון אייערע קינדער, און די אלע גרויסע צדקות און מעשים טובים וואָס ער האָט געטאָן זאל זיין איינגעקריצט אין אייערע הערצער. די פעולה וועט דער־פון זיין, אז אויך אייערע און די הענט פון אייערע קינדער וועלען שטענדיג אָפען זיין צו געבען צדקה און צו טאָן גמלות חסדים, אז אין אייערע הערצער און אין די הערצער פון אייערע קינדער וועט זיך שטענדיג געפינען אן אינטערעס צו פערשטאַרקען תורה און אידישקייט, און אזוי וועט דאס ליכט פון תורה און מצוות פון אייער פאמיליע קיינמאל ניט אויסגעלאשען ווערען. דאס געטליכע ליכט וועט אייך בעלייכטען אז איהר זאלט האבען הצלחה אין אלע אייערע ענינים, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות.

"זיך אויסריידענדיג פאר אייך מיט א ביטער הארץ מיין גרויס צער אויף דער פטירה פון אייער געעהרטען פאטער ז"ל, קען איך מיך ניט צוריקהאלטען געבענדיג אייך מיין עצה, אז קיין בעסע־רען אייביגען אנדענקונג פאר אייער טייערען פאטער קענט איהר

ניט האבען, ווי צו בעשטימען א געוויסע סומע געלד פאר דער „אגודת חסידי חב"ד דארצות הברית וקענעדע", אלס א קרן קימת אויף זיין נאמען. מיט אזא פעולה וועט איהר טהאן א גרויס נחת־רוח צו דער נשמה פון מיין הויכגעשעצטען פריינד אייער זעליגער פאטער ז"ל, דער גרינדער פון דער דאזיגער וויכטיגער אגודה, וואס האט פאר זיך אזא נאבעלען צוועק ווי צו פערשפרייטען תורה און אנצוהאלטען אידישקייט. צוליעב דעם זכות וואס איהר וועט פעראייביגען דעם נאמען פון אייער פאטער ז"ל מיט אזא וויכטיגע אינסטיטוציע, וועט איהר געבענשט ווערען מיט גוטע קינדער, וועלכע וועלען אנהאלטען זיין טראדיציע אויך אין די צוקונפטיגע דורות.

„איך בין מתפלל צום בורא ברוך הוא אז ער זאל ניט אבטהאן זיין חסד פון אייך און איהר זאלט געזעגענט ווערען מיט אלע מאטריעלע און גייסטיגע ברכות, אז דער גוטער גייסט וואס אייער פאטער האט אין אייך אריינגעגעבען זאל אייך ארויפברייגען אויפ'ן העכסטען שטאפעל פון הצלחה איצט און אין אלע צייטען.

„היו ברכה ושלום ווי איהר ווינשט אייך אליין און ווי עס ווינשט און בענשט אייך

אייער פריינד

יוסף יצחק שניאורסאן."

ב) א טרייסט בריף פון הרב שמואל אהרן הלוי פרדס, פאבלישער און רעדאקטאר פונ'ם רבנישען זשורנאל „הפרדס."

ב"ה יום ועש"ק לס' „ושברתי את גאון עוזכם" תרפ"ה.

לידידי הנכבד מוכתר במעלות ומדות טובות מר. חיים שניאור זלמן קרעמער נ"י

... קומענדיג היינט אין שטאדט האב איך דערהערט די טרויעריגע בשורה וואס האט מיין הארץ שרעקליך צובראכען. איך האלט פאר א גרויסען זכות פאר מיר, וואס איך האב זוכה געוועזען בעקאנט צו זיין מיט אזא טייערען זעלטענעם מענשען,

וואס האט פערבראכט זיין לעבען אין תורה און אין מצוות. מיט רעכט קען מען אויף איהם זאגען „אבד חסיד מן הארץ וישר באדם אין”. אייער גרויסער פאטער ז״ל איז ווירקליך געווען איינער פון די יחידי סגולה אין אמעריקאנער יודענטום, אז זייענדיג א סוחר און פיהרענדיג גרויסע געשעפטען און דאך קענען אבגעבען אזוי פיל צייט אויף עבודת הבורא. מען האט איהם נאר געברויכט איינמאל אין לעבען צו זעהן און געקענט תיכף בעמערקען אז ער איז ניט קיין געוועהנליכער מענש. פון זיין פנים האט ארויסגעקוקט זיין גוטסקייט און זיין מענשענפריינדליכקייט, און דערצו נאך זיין ברידערליכען ארט ריידען.

„איך גלויב אז מן הסתם האט אייער פאטער ז״ל אויסגעפילט זיין מיסיע אויף דער וועלט, און ס'איז געקומען די צייט איהם אבצורופען אהין צו בעלוינען פאר אלע זיינע גוטע מעשים וואס ער האט געטהאן. זיין זכות זאל ביישטעהן אייך און כל ישראל אמן.

„איך בין זיכער אז די זין און די טעכטער וואס אייער טרייער פאטער ז״ל האט איבערגעלאזען אויף דעם עולם, וועלען געהן אין זיינע וועגען, אין וועג פון תורה און מעשים טובים. זיין אנדענקונג זאל בלייבען שטענדיג איינגעקריצט אין אייערע הערצער. דער אויבערשטער זאל אייך אלעמען טרייסטען, און איהר און מיר אלע זאלען זוכה זיין צו זעהן און זיך פרייען בנחמות ציון וירושלים במהרה בימינו אמן.

אייער טרייער פריינד

שמואל אהרן הלוי פרדס.״

ג) פון הרב נח ליוועראנט, הרב דקורעניץ.

ב״ה יום א׳ לס׳ „ויאמר ד׳ פתאם אל משה״ תרפ״ה, קורעניץ

„לאהל משה, וביחוד לידידי מאז הבן יקיר מר יקותיאל קרעמער ני׳

„פון דערווייטענס האב איך דערהערט די שרעקליכע טרויערדיגע נאכריכט, א פחד און א ציטער האט מיר אנגענומען דער-

הערענדיג אז פלוצלונג איז פון אייך אוועקגעריסען געווארען אייער טרייער פאטער, דער גרויסער תלמיד חכם, דער גרויסער פילאנטראפ וואס מיט זיינע צדקות האט ער מחיה געווען הונדערטער נפשות פון נאהנט און ווייט. עס ווילט זיך מיר אייך טרייסטען, אבער ווי קען איך אן אנדערן טרייסטען אז איך געפין ניט פאר זיך אליין קיין טרייסט? דער פסוק דערצעהלט אז יעקב אבינו האט זיך ניט געלאזען טרייסטען אויף זיין יוסף'ן און געזאגט כי „ארד אל בני אבל שאולה." יעקב האט געוואלט דערמיט זאגען צו די וואס זיינען געקומען איהם טרייסטען, אז ער וואלט אפשר געקענט געפינען א טרייסט ווען ער וואלט כאטש געקענט קומען צו זיין קבר און זיך גוט אויסוויינען, אבער ניט היינט אז ער איז פערצוקט געווארען פון א חיה רעה. דאס אייגענע זאג איך אויף זיך, אז ווען איך וואלט געקענט קומען אויף מיין טייערען פריינדס קבר און געהעריג אויסגיסען מיין הארץ, וואלט איך אפשר זיך געקענט טרייסטען אבער ניט אז איך בין אזוי ווייט.

„אלס אן אנדענקונג צום גרויסען נפטר, וואס האט אזויפיל גוטעס געטהאן פאר אונזער שטאדט, האב איך געגרינדעט אויף זיין נאמען א חברה ש"ס און מען רופט איהר חברת „אהל משה". מען לערנט אלע טאג א בלאט גמרא און איך אליין זאג דעם שיעור. נאכ'ן לערנען זאגט מען פאר זיין נשמה א קדיש דרבנן.

„איך בעט אייך מיין פריינד יקותיאל (די אנדערע קען איך ניט) מיר צו שרייבען אייניגע שורות וואס אייער ליעבע מוטער מאכט, און אויב מעגליך מיר שרייבען אייניגע פרטים ווי אזוי דער אונגליק איז געשעהן. השי"ת זאל אייך טרייסטען בתוך שאר אבלי ציון וירושלים און זוכה זיין צו הערען בשורות טובות ונחמות

„אייער פריינד און אן איבערגעגעבענער פריינד פון אייער פאטער ז"ל

נח ליווערא נט

רב בקורעניץ."

ד) פון הרב דוד מאיר ראבינאוויץ, רב לאגודת הספרדים בבאסטאן.

ב"ה א' במדבר תרפ"ה

„להאשה הנדיבה ובניה הנדיבים המפורסמים למשפחת הרמ"א קרעמער ז"ל.

„דערזעהענדיג אין די פייפערס די שווערע ביטערע בשורה פונ'ם גרויסען פערלוסט אין דער פאמיליע קרעמער בין איך געווארען א צוציטערטער און שרעקליך צובראכען מיין הארץ. איך האב מיך אליין געפרעגט די שאלה פארוואס? דאכט זיך קיין קרובים זיינען מיר ניט געווען. ביזנעס מיט איהם ניט געהאט, און בסך הכל איז ערשט א קנאפער יאהר וואס איך האב איהם געזעהן צום ערשטען מאל און אין גאנצען מיט איהם פערבראכט קנאפע צוויי שעה, און דאך אזעלכע ברידערליכע געפיהלען? באמת איז אבער געגוג געווען איינמאל איהם צו זעהן און מיט איהם צו ריידען, כדי צו ווערען צוגעבונדען צו איהם מיט אן אויפריכטיגער ברודערליעבע, צו דערקענען אין איהם דעם אמת'ן אידישען אידען, מיט דער ברייטער הארץ פול מיט געפיהלען פאר'ן כלל ישראל. דאריבער איז קיין וואונדער ניט וואס דער פערלוסט פון אזא פערזענליכקייט רופט ארויס גרויס טרויער ניט נאר ביי זיין פאמיליע און נאהנטע קרובים נאר אויך ביי יעדערן אידען מיט א אידיש הארץ.

„עס געפינט זיך אין תלמוד אז איינער א ספדן האט זיך אויסגעדריקט אויף א הספד פון א גרויסען מענשען מיט די ווערטער „אוי לה לספינה שאבד קברניטה", וועה איז צו דער שיף וואס זי האט פערלארען איהר פיהרער. דאס אייגענע זאג איך אויפ'ן טויט פון ר' משה אליעזר'ן, ער מיט זיין חכמה און מיט זיין געלד האט געפיהרט די אידישע גייסטיגע שיף אין דער שטורמדיגער צייט אין וועלכע מיר לעבען, און היינט פעהלט אונז דער פיהרער. דער פערלוסט איז שרעקליך גרויס, ובפרט פאר אונזערע ברידער די חסידי חב"ד, אז עס לאזט זיך ניט טרייסטען.

הונדערט און צוויי

„אונזער איינציגער טרייסט איז די גמרא הקדושה וואס זאגט „יעקב אבינו לא מת.” אונזער פאטער יעקב איז ניט געשטארבען ווייל „זרעו בחיים.” ווייל זיינע קינדער לעבען. אויב ר' משה אליעזר'ס גוף לעבט ניט מעהר, לעבט אבער נאך זיין גייסט און די הערצער פון זיינע קינדער וואס וועלען ווייטער פארטזעצען זייער פאטערס גוטע ארבייט אין אלע פרטים, ובפרט אין בעפעס־טיגען דעם עקזיסטענץ פון די חסידי חב"ד אין אמעריקא, אויף וואס זייער גרויסער פאטער האט אזויפיל כחות אבגעגעבען.

אייער איבערגעגעבענער פריינד

רב לאגודת הספרדים בבאסטאן"

דוד מאיר ראבינאוויץ

ה) פון הרב שמואל בארשטיין.

יום ה' אמור תרפ"ה, דזשיימסטאן, נ. י.

„כבוד ידידי הנכבד מאד נעלה, מר חיים זלמן קרעמער נ"י

„ווי א דונער אין א העלען קלארען טאג, אזוי האט מיר איבערראשט און דערשרעקט מיין הארץ און די הערצער פון מיין פאמיליע דערהערענדיג די ביטערע בשורה, אז די קרוין פון אייער קאפ, די צירונג פון אידישען פאלק איז אראבגענומען געווארען, און אז איך האב פערלארען מיין טייערסטען חבר מיין יוגענד־פריינד, אייער הויכגעשעצטען פאטער ז"ל.

„איך האב אייך געוואלט טרייסטען אבער איך געפין קיין ווערטער ניט ווי אייך צו טרייסטען. עס איז שווער צו געפינען היינטיגע צייטען א מענש וואס זאל קענען ממלא זיין אזא גרויסען חסרון. ר' משה אליעזר קרעמער פעהלט היינט אלעמען, ניט בלויז אייך אליין נאר אויך אלע זיינע פריינד און דעם גאנצען כלל ישראל.

„המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, און

אונזער אלעמענס טרייסט וועט זיין, אז די טייערע קינדער וועלען בודאי געהן אין די פוסטאפען פון זייער גרויסען פאטער ז"ל און ווייטער פארטזעצען זיינע גוטע ארבייט זיך האלטענדיג אן דער טראדיציע.

עס שרייבט מיט א צובראכענע הארץ זיין פריינד פון דער יוגענד אן

שמואל בארשטיין."

ו) פון הרב בנימין יעקב וואלק, ניו־הייווען.

„ווערטהע פרוי קרעמער און פאמיליע.

„מיט גרויס עגמת נפש האב איך געסטערן געלעזען אין דאס „אידישע טאגעבלאט" די טרויעריגע נאכריכט, אז אייער טייערער און נאבעלער געמאהל, אייער טייערער און ליעבער פאטער איז שוין ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע. אָי, אָי, ! וואס פאר א שרעקליכער פערלוסט דאס איז פאר די כנסת ישראל בכלל און פאר דער פאמיליע בפרט. אזא טייערער וויכטיגער מענש איז אין אונזער צייט א ווירקליכער יקר המציאות. ווען איך וואלט דאס געוואוסט בעפאר, וואלט איך תיכף געקומען צו לויפען קיין ניוויארק איהם מספיד זיין לויט זיינע גרויסע פערדינסטען.

„זאל דער הימלישער פאָטער, דער אב היתומים, אייך טרייסטען און אייך שטארקען אריבער צוטראגען דעם גרויסען שמערץ. און מיר זאלען אלע זוכה זיין נאר צו הערען בשורות טובות ישועות ונחמות.

„אייער ערגעבענער פריינד וועלכער נעהמט גרויס אנטהייל אין אייער גרויסען צער און פערלוסט

בנימין יעקב וואלק"

ז) פון רעוו. מ. א. טאנקעל, פאללריווער, מאסס.

ב"ה יום ג' לס' נשא תרפ"ה

„לכבוד האחים היקרים למשפחת קרעמער

ד' עליהם יחיו.

„א געוואלדיגען שרעקליכען רושם האט אויף מיר געמאכט די פירכטערליכע נאכריכט אז די קרוין פון אייער קאפ איז ארונטער־גענומען געווארען, פערלארען אייער טייערען פאטער וואס זיין גרויסער נאמען איז אלעמען בעוואוסט, דער גרויסער מופלג, דער גרויסער ירא־שמים און דער זעלטענער בעל־צדקה.

„איך נעהם א הערצליכען חלק אין אייער שרעקליכען צער און טרויער, אייך צו טרייסטען בין איך ניט אין שטאנד, און גע־פין קיין ווערטער ניט, נאר דער אויבערשטער אליין וועלכער טרייסט אלע אבלי ציון וירושלים זאל אייך טרייסטען.

„אייער פריינט וועלכער שעצט אייך זעהר און מתפלל פאר אייך

משה אהרן ב"ר מנחם מענדיל טאנקעל".

ח) פון ר' יצחק ראבינאוויץ, סידערהווירסט, נ. י.

„צו מיינע ווערטהע פריינדע מרס. קרעמער און טייערע קינדער.

כולם יעמדו על הברכה אמן.

„עס טהוט מיר שרעקליך לייד דאס גראד דעם טאג פון אייער טייערען מאן'ס און פאטערס לויה, האב איך געמוזט זיין אין האספיטאל און ניט געקענט געהן בעגלייטען מיין טייערען אינטי־מען פריינד פון 30 יאהר, יעצט אז איך בין שוין ב"ה ארויס פון האספיטאל, געפין איך פאר מיין פליכט לכהפ"ה שרייבען צו אייך א פאר טרייסט ווערטער.

„ס'איז ניט אזוי לייכט, אפילו פאר א מענשען מיט א שרייבער טאלאנט צו געפינען די ריכטיגע ווערטער ווי אייך צו טרייסטען אויף אזא גרויסען בראך וואס איהר האט מיט איינינע טעג צוריק דורכגעמאכט, ובפרט פאר אזא שוואכען שרייבער ווי איך בין. דער איינציגער טרייסט קען פאר אייך זיין, וואס אזוי פיל מענשען נעהמען אן אנטהייל אין אייער טרויער און וואס דער נייער קבר פון אונזער טרייען פריינד האט געמאכט א לאך אין די הערצער פון טויזענדער וועלכע האבען איהם געקענט און געליעבט. ער איז אוועק אין עולם האמת מיט אן אויסגעצייכענטען דיפלאם, מיט'ן דיפלאם פון „כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו". ד. ה. וועלכער איז בעליעבט ביי מענשען איז ער אויך בעליעבט פון הימעל. מיר קורצזיכטיגע מענשען קענען ניט בעגרייפען דעם אויבערשטענס וועגען, אזוי גיך אוועקצונעהמען פון אונז אונזער גוטען פריינד און אייער טייערען פאטער ז"ל. אונזער טרייסט איז אז זיינע קינדער, וועלכע ער האט איבערגעלאזען, וועלען געווים געהן אין זיינע דרכים, און אז זיין גייסט און זיין נשמה וועט אימער לייכטען פאר אונז און וועט זיין א מליץ יושר פאר אונז אלעמען.

„אייער בעסטער פריינד וועלכער ווינשט אייך פון טיפסטען הארצען שוין ניט מעהר קיין צער צו האבען

יצחק ראבינאוויץ."

ט) פון זיינעם א יוגענדפריינד.

(דער בריף איז אדרעסירט געווען צו מר. בער לעווין פון ספרינגפיעלד מאסס.)

ווילנא, 9 יוני 25

„... די שרעקליכע נאכריכט איבער דער פטירה פון אונזער טייערען פריינד ר' משה אליעזר קרעמער ז"ל האט געמאכט אומעטום א געוואלדיגען רושם ובפרט אין אונזער קורעניץ. גראד יעצט

האט דארטען געטראפען א שרעקליכער אונגליק, ס'איז אבגעברענט א דריטעל שטאט און עס פעהלט זיי דער רעטער אין זייער נויט. מען האט איהם דארטען געמאכט אפולע הספדים, און גרויס און קליין באקלאגען דעם גרויסען פערלוסט. איך בין זעהר צופרידען וואס דו ביזט געפארען צו זיין לויה. איך קען מיך א מינוט ניט פערגעסען אן איהם, וואס איך קען נאר טהאן פון זיין כבוד וועגען טהוע איך און וועל נאך בע"ה ווייטער טהאן. אזא טהייערער מענש, אזא נאבעלע נשמה, גראד נאהנט פאר זיין טויט האב איך בעקומען פון איהם א בריף, אז פון יעדעןווארט איז געוועזן צו זעהן וואס פאר א צדיק און א בעל מדות ער איז געוועזן, מען טאר ניט מהרהר זיין אחרי מדותיו שהקב"ה, צוצונעהמען אין די בעסטע יאהרען אזא נפש יקרה וואס האט נאר געוואוסט צו טהאן טובות און חסדים, אז וואויל איז צו איהם און וואויל איז צו זיין נשמה הטהורה, חבל אל דאבדין ולא משתכחין."

י) טרייסט בריף פון מר. טשארלס פאסטאן.

ברוקלין, נ. י., 11 מאי, 1925.

מרס. מ. א. קרעמער און פאמיליע.

טייערע פריינד: —

איך האב געהאט גרויס עגמת נפש ווען איך האב זיך דערוואוסט פון אייער שרעקליכען פארלוסט, און איך פארזיכער אייך אז איך האב ניט גענוג ווערטער אויסצודריקען מיין טיפען צער.

אין מיינע נאהענטע באציהונגען מיט'ן נפטר אויף אונזער רייזע אין יאהר 1920, האב איך געהאט די געלעגענהייט איהם בעסער צו קענען, ווי אלע אנדערע פריינד. ער איז געוועזן א מענש פון ווייניג ריידען אבער זעהר פיעל מעשים.

וועהרענד איך ווייס אז אייער פארלוסט איז זעהר א גרויסער, וויל איך אייך פארזיכערען אז דער פארלוסט צו זיינע פריינד

בפרט און צום כלל ישראל בכלל איז אויך זעהר גרויס. זאל דער אלמעכטיגער אייך טרייסטען און געבען אייך קרעפטען פארטצו־זעצען זיין גוטע ארבייט.

אייער איבערגעגעבענער פריינד,

טשארלס פאסטאן.

יא) טרייסט בריף פון מר. הערמאן נידערלאנד.

ברוקלין, 15טער מאי, 1925.

מיין טייערער סעם :—

איך בין דורכגעדרינגען פון אייער גרויסען פארלוסט וואס איז אויך מיין פארלוסט, און מיין הארץ איז שרעקלאך צובראכען. איך האב שטענדיג אייער אומפארגעסליכען פאטער רעספעקטירט און געעהרט אלס א גרויסען אידען צוליב זיין איינפאכקייט און הערצ־ליכקייט און ניט איך אליין נאר אונזער פאלק איבעראל פיהלט, אז א גרויסע אידישע ליכט איז אויסגעלאשען געווארען.

ביי היינטיגע צייטען ווען מאנכע דיינקען אז מאכען א טומעל איז נויטוועגדיג, איז עס זעהר אנגענעהם צו געפינען איינעם וועל־כער האט דורך עניוות און צוריקגעצויגענקייט אויפגעטאן אזוי פיל גוטע זאכען און האט זיך באליבט געמאכט ניט נאר אין זיין אייגע־נער שכונה, נאר ביי אלעמען וואס האבען געהערט פון זיינע גוטע מעשים.

איך נעם אנטייל ניט נאר אין אייער טרויער, נאר אויך אין אייער שטאלץ מיט אייער פאטער, ז"ל.

אויפריכטיג אייערער,

הערמאן.

יב) טרייסט בריף פון מר. קרעמער'ס באנק.

ניו יארק, 1טער מאי, 1925.

ליבער מר. קרעמער: —

די טרויעריגע נייעס פון אייער פאטער'ס טויט האט מיר נאר וואס דערגרייכט און האט מיר פארשאפט גרויסען טרויער. אייער טרייסט קענט איר געפינען אין דעם פאקט וואס ער איז געווען א מאן מיט א בריליאנטענעם כאראקטער און מיט די העכסטע פרינ־ציפען.

מיר ווילען אז איהר און די אנדערע מיטגלידער פון אייער פאמיליע זאלען וויסען אז מיר סימפאטיזירען זעהר שטארק אין אייער פארלוסט.

אייער זעהר איבערגעבענער

ה. ע. שערמאן.

וויס־פרעזידענט פון די ניישאנאל פארק באנק.

יג) טרייסט בריף פון א ניט־אידישען געשעפטסמאן.

ניו יארק, 26טער מאי, 1925.

צו הערען מ. ל. קרעמער און זיהן.

הערען: —

מיר האבען דערהאלטען די ידיעה וועגען דעם טויט פון אייער פאטער און ווילען אויסדריקען א טרייסטווארט צו אייער דאפעלטען פארלוסט — דער ניט דערפילבארער פארלוסט פון א באליבטען און געהערטען פאטער און דער פארלוסט פון א שותף, וועלכער האט געלייגט דעם פונדאמענט פון אייער געשעפט, וועלכער האט אזא לאנגע און עהרענהאפטע פארגאנגענהיים.

זייט פארזיכערט אין דער טיעפער סימפאטי פון

אייערע אויפריכטיגע פריינד,

וויליאם יעלאנד און קאמפאני.

הונדערט און ניין

א איבערבליק איבער הב"ד'ער חסידיזם

אזוי ווי אין די פאריגע קאפיטלאך האבען מיר מעהרערע מאָל גערעדט וועגען ר' משה אליעזר קרעמער'ס הויבען אמט אלס פרעזידענט פון די פעראייניגטע חב"ד'ער חסידישע קהלות און אזוי ווי פיל, ספעציעל פון אינגערן דור, ווייסען בוודאי ניט די בעדייטונג דערפון, אדער ווייסען ניט וואס דאס איז אזוינס הסידיזם בכלל און דעם אונטערשייד שווישען חב"ד'ער חסידיזם און די אנדערע ריכטונגען אין דער חסידישער לעהרע בפרט, — געפינען מיר פאר נויטיג צו געבען וועגען דעם אַ קורצען איבער־בליק.

מיט א צוויי הונדערט יאהר צוריק איז אויפגעשטאנען אין אַ דאָרף אין די קארפאטען בערג איינער א געטליכער מענש מיט'ן נאָמען „רבי ישראל בעל־שם טוב" (פערקירצט בעש"ט), וואָס פלעגט ארומפאהרען פון שטאדט צו שטאדט טרייסטענדיג דאס אידישע פאלק, אויפמינטערן זיי צו פרומקייט און גלייכצייטיג היילען קראנקע, סיי חולי הגוף און סיי חולי הנפש. מיט זיינע רפואות פלעגט ער ווייזען ווירקליכע וואונדער, פיל קראנקע וואס דאקטוירים האבען זיי אבגעזאגט דעם לעבען פלעגט ער זיי געזונד מאכען. זיין נאמען איז בעוואוסט געווארען ווייט און ברייט אז זאגאר פריצים גרויסע, גראפען און פירשטען פלעגען שיקען צו איהם נאָך רפואות. דאס געלד וואס ער האט בעקומען פאר זיינע רפואות און קמיעות פלעגט ער פערטהיילען צו ארימע, פאר זיך האט ער זעהר ווייניג נעטהיג געהאט, געגאנגען זעהר פראסט אָנ־געטהאָן און בכלל געפיהרט א לעבען פון נזיר. פאר א לאנגע

צייט האט ער זיך אויסבעהאלטען פון דער וועלט, ניט ארויסגע־
צייגט זיין גרויסקייט אין תורת הנסתר, אז זאגאר זיין אייגענער
שוואגער, א בעוואוסטער רב, האט איהם געהאלטען פאר א פראס־
טען מענשען. אָבער נאכדעם ווי די וועלט האט זיך דאך דער־
וואוסט פון זיין גרויסקייט האט ער זיך אויפגעהערט צו בעהאל־
טען, זיך באזעצט פאר באשטענדיג אין דער שטעדטעל מעדזיבוז
אין פאדאליען, א פערווארפענע שטעדטעל וואס האט דורך דעם
זוכה געווען צו שפיעלען א גרויסע ראלע אין דער אידישער גע־
שיכטע פון דער נייער צייט. אט די דאזיגע שטעדטעל איז געווען
דער ערשטער צענטער, פון וועלכע די חסידישע לעהרע האט זיך
אנגעהויבען אין 18טען יאהר הונדערט צו פערשפרייטען איבער
דער אידישער וועלט, ביז זי האט ערָאבערט 60־70 פראצענט
פון'ם גאנצען יודענטום.

פון נאהנט און ווייט האט מען אנגעהויבען צו פאהרען צום
בעל־שם קיין מעדזיביז, דער וועגען א רפואה, דער וועגען א קמיע,
דער וועגען א ברכה און דער וועגען א נדבה, וואו א צרה האט
מען זיך געווענדעט צו איהם, און יעדער האט געפונען א הילף
אָדער א טרייסט. בפרט האט מען זיך געווענדעט צו איהם וועגען
„פדיון שבויים", א צרה וואס אין יענער צייט האט מען שטארק גע־
ליטען דערפון, ווייל די אידען וואס האבען געוואוינט אונטער די
ווילדע פוילישע פריצים זיינען געווען ממש אויף הפקר, אז דער
פריץ האט געדארפט געלד, פלעגט ער ארייננווארפען אין תפיסה
די שעהנסטע אידען און פערלאנגען פון דער אידישער בעפעל־
קערונג אויסלייזגעלד. דער בעל־שם האט זיך זעהר פיל אָבגעגע־
בען מיט דער דאזיגער גרויסער מצוה, פלעגט שטענדיג ארומ־
פאהרען איבער די שטעדט קלייבענדיג געלד אויף פדיון שבוים,
און געווען פאר פילען אן אמת'ער מלאך מושיע. אזוי איז זיין
נאמען אלץ מעהר און מעהר בעריהמט געווארען, און געקומען
צו דער מדרגה פון א לעגענדארישע פערזענליכקייט. אין די לעצטע
הונדערטער יאהרען האט נאך קיין מענש ניט זוכה געווען, אז נאך
פאר זיין לעבען זאלען אין פאלק געשאפען ווערען אזויפיל לע־

גענדעס, ווי אויפ'ן בעל־שם. זיינע אַנהענגער מיט די אַנדערצעהלטע וואונדער־מעשיות און לעגענדעס וועגען איהם, האבען איהם אויפ־געהויבען הויך אין הימעל אריין און איינגעוויקעלט זיין גאַנצען פּערזענליכקייט און זיין גאַנצען לעבען אין א מאַנטעל פון איבער־נאַטירליכע וואונדער. עס האבען זיך געבילדעט ארום איהם א קרייז תלמידים, דארונטער גרויסע גאונים, מיט וועמען ער האָט געלערנט די סודות פון קבלה און א נייעם דרך אין אידישקייט און אין דינען דעם בורא.

נאַטירליך איז דא ניט דער ארט ארומצורייִדען אויספיהרליך דעם בעל־שם'ס שיטה און די נייעסען וואס ער האט אויפגעטהאן, וועלכע האבען אין זיין צייט אויפגערודערט א וועלט. גענוג צו דערמאהנען אז ער איז געווען דער ערשטער וועלכער איז אויפגע־טרעטען געגען דער אנגענומענער שיטה פון אלע מקובלים, אז דער איד דארף קיין הנאה ניט האבען פון דער וועלט דארף קיין פרייליכע מינע ניט ווייזען, שטענדיג זיין פערטרויערט און פער־קלאָגט צוליעב די עבירות אין וועלכע ער איז געשטרויכעלט געוואָרען: אז דער איד דארף לעבען אויף דער וועלט ווי אַ פּרוש, ווי א נזיר, געניסען פון דער וועלט נאר אויף אזויפיל וויפיל ס'איז נויטיג צו דערהאלטען דעם גוף, וועלכען מען דארף אָפּט פייניגען מיט תעניתים און מיט אנדערע סגופים, ווייל דער עיקר לעבען איז די נשמה ניט דער גוף. געגען דער דאזיגער שיטה, האָט דער בעל שם אויפגעשטעלט אַ גאַנץ ענטגעגענגעזעצטע שיטה לויט וועלכע דער מענש זאל דוקא יאָ געניסען פון לעבען און הנאה האבען פון די רייכטהימער וואס דער באשעפער האט פאר איהם צוגעגרייט, אז פייניגען דעם גוף איז ניט קיין מצוה נאר אדרבא אן עבירה, ווייל ווען דער גוף איז שוואך און קראנק איז די נשמה אויך קראנק, ער קען ניט דאווענען, קען ניט לערנען, און קען ניט דיענען דעם אויבערשטען ווי עס בעדארף זיין. דער מענש דארף באשטענדיג צופרידען און פרעהליך זיין, דיענען גאָט קען מען ניט פון עצבות נאָר פון שמחה. ווייל דאָס הארץ פון מענשען מוז זיך שטענדיג מיטפרייען מיט גאָט.

פערשטעהט זיך אז די דאזיגע נייע שיטה האט ארויסגע־רופען שטארקע פראטעסטען ביי די מקובלים פון יענער צייט, ווייל זי איז דער היפוך פון דער קבלת האר״י הקדוש וועלכער איז געווען ביי אלעמען אנגענומען. פון אלע זייטען האט מען זיך געווענדעט צום בעש״ט מיט טענות און מיט קשיות ער איז אבער קיינעם קיין תירוץ ניט שולדיג געבליבען. אינטערעסאנט איז זיין פאלגענדער ענטפער וואס ער האט אמאל געגעבען צו איינעם א גרויסען מקובל אויף זיין פראגע: ווי אזוי ער וואגט אבצושאפען קערפערליכע סגופים אלס א תשובה פאר עבירות, אזאך וואס ס'איז אנגענומען פון אלע מקובלים אין אלע צייטען? „אז עס זיינען פאראן צווייערליי דאקטוירים, איין סארט דאק־טוירים, היילען זייערע קראנקע מיט שטרענגע רפואות וואס ניט יעדער קען דאס פערטראגען, אבער אנדערע קליגערע געבען זייערע קראנקע פערזיסטע און פערצוקערטע מעדיצינען, וועלכע א חוץ וואס זיי היילען אויס די קראנקהייט פערשאפען זיי אויך דעם חולה פערגעניגען און אנגענעהמקייט ביים געברויכען די רפואות״.

נאך א גרעסערען שטורם פון פראטעסטען האט ארויסגערו־פען זיין שיטה, אז מען דארף ניט זיין קיין גרויסער למדן צו דערגרייכען א הויכע מדרגה, אז אויך אן עם־הארץ מיט'ן זאגען תהלים קען קומען צו דער העכסטער מדרגה פון צדקות, און בכלל האט ער שטענדיג מבטל געווען די לומדים וואס ברויכען גאוה מיט זייערע לומדות. מען דארף קענען דאס אידישע לעבען פון יענער צייט אום צו פערשטעהן, וואס פאר א גרויס רושם אזא שיטה האט געמאכט אין דער אידישער וועלט. די לומדים, די גייסטיגע אריסטאקראטען, האבען שטענדיג געקוקט פון אויבען אראפ אויף די ברייטע אומוויסענדע מאסען, זיך געהאלטען פון וויטען און אויסגעמיעדען יעדע נאהנטע בעריהרונג מיט זיי, און קומט איינער, וואס איז געווען א מלמד אין א דארף, געווארען א למדן ערשט ערוואקסענערהייט און פארנעמט נאך א קליינעם ארט אין דער לומדישער וועלט און ערלויבט זיך צו דרשה'נען ברבים, אז צו זיין א צדיק ברויכט מען גאר ניט צו זיין א למדן, און נאך

מעהר, אז דער עם־הערץ, וועלכער איז נאָר אן אמת'ער מאמין, מקיים מצוות מיט הארציגקייט, שטעהט העכער פאר'ן גרעסטען למדן, וועלכער ברויכט גאוה מיט זיין תורה.

א צייט לאנג האבען איהם די לומדים פערפאלגט, און וואס מעהר דער המון האָט זיך ארום איהם געשאַרט, און וואָס מעהר ער איז געוואָרען זיין ליבלינג, אלץ מעהר האָבען זיי איהם גערודפ'ט. שטארק אונגערעכט זיינען זיי אפשר גאר ניט געווען, מען דארף ניט פערגעסען אז אין יענער צייט איז נאָך ניט פערהיילט געווען די וואונדען פון שבתי צבי, דער פאלשער משיח, וועלכער האט צוגעצויגען צו זיך א גרויסען טהייל פון פאלק זיך איינוויקלענדיג אין מאַנטעל פון קבלה. און אַזוי ווי דער בעל־שם האט אויך אָנגעהויבען צו פערשפרייטען אונטער'ן פאלק דאס למוד פון זוהר און קבלה און זיין הנהגה בכלל איז געווען מיס־טעריעז און סודות'דיג, האבען די לומדים אפשר טאקע געמעגט מורא האבען אז זאל חלילה ווידער ניט אויסוואקסען אזא עהנ־ליכע סעקטע, וואָס די צייט און די אומשטענדען זיינען גראד מסוגל געווען דערצו. ערשט שפעטער אז זיי האָבען זיך איבער־צייגט די ריינקייט פון זיין נשמה, און אז מיט זיין שיטה האט ער פיל בייגעטראגען צו פערשטארקען אידישקייט, האבען זיי איהם ניט נאָר אויפגעהערט צו טשעפען נאר אויך מאנכע האבען זיך נאך אנגעשלאסען צום קרייז פון זיינע תלמידים און געוואָ־רען זיינע ווארימסטע חסידים.

קיין רבנות האט דער בעל־שם קיינמאל ניט געפּראוועט, זיך אויך ניט געפיהרט מעשה „גוטער איד" ווי זיינע תלמידים האבען זיך שפעטער געפיהרט, פערבליבען דער פשוט'ער פאָלקס־מענש אויך אין דער צייט וואס זיין נאמען איז שוין בעוואוסט געווען ווייט און ברייט און זיך שטענדיג ארומגעדרעהט צווישען המון. ער האט אויך ניט געשטרעבט צו ווערען א פיהרער אין פאָלק, וואס דורך זיין גרויסען פערזענליכען איינפלוס אויף מענ־שען וואלט ער דאס געקענט זעהר לייכט דערגרייכען, און האט אפילו ניט געזוכט צו אָרגאניזירען די אָנהיינגער פון זיין שיטה

אין א באזונדערע רעליגיעזע סעקטע. דאָס אַלץ איז ערשט גע־שאַפן געוואָרן דורך זיין גרויסען תלמיד און שטעלפערטרעטער רבי בער, בעוואוסט אונטער'ן נאמען דער „מעזעריטשער מגיד".

אזוי ווי דער בעל־שם, אזוי איז אויך רבי בער מעזעריטשער אויפגעוואקסען אין גרויס ארימקייט, און ניט אכטענדיג וואס ער איז געווען א גרויסער למדן און בעגאבט מיט אונגעוועהנלי־כע פעהיגקייטען, האט ער זיך ניט געקענט — אדער אפשר ניט געוואלט — צושלאגען צו רבנות און פערבליבען א צייט לאנג א מלמד אין א דארף און שפעטער ארומגעפאהרען אלס מגיד. ער האט אויך, ווי דער בעל־שם, פערבראכט זיינע יונגע יאהרען אויף דער פרייער נאטור, איינער אליין אין פעלד און וואלד, און אין זיין איינזאמקייט זיך פערטראכט אין דער תורת הקבלה פון'ם בעריהמטען מקובל רבי יצחק לוריא (האר"י הקדוש). מיט לייב און לעבען האט ער זיך איבערגעגעבען צו דער דאזיגער לעהרע, זעהר פיל געפאסט און געפייניגט דעם גוף, כדי דער יצר הרע זאל אויף איהם ניט מעהר שליטה האבען. פון צופיל פייניגען זיך איז ער סוף סוף קראנק געווארען, און געפאהרען צום בעל־שם זיך היילען. דער בעל־שם האט געוואוסט פון איהם און שוין לאנג געווארט אויף זיין קומען, אבער איידער דער בעל־שם האט אָנגע־הויבען צו היילען זיין גוף האט ער גענומען קורירען זיין נשמה. ער האט פאר איהם געעפענט א נייע וועלט פון אָפּטאמיסטישער פרומקייט, פון דינען דעם בורא מיט שמחה און פרייליכקייט. ווען רבי בער האט אויפגעהערט צו פאסטען און צו פראווען סגופים איז ער טאקע געזונד געווארען אי קערפערליך אָי גייסטיג. דער בעל־שם האט איהם שוין מעהר ניט אבגעלאזען פון זיך און זיך פיל איבערגעגעבען מיט ערציהען איהם אלס דער צוקונפטיגער פערשפרייטער פון זיין נייער לעהרע. נאכ'ן בעל־שם'ס פטירה, אין יאָהר תקכ"ה, איז טאקע רבי בער אויסגעקליבען געוואָרען פאר זיין ממלא מקומו.

בעת רבי בער האט איבערגענומען די גייסטיגע ירושה פון בעל־שם, האט ער איבערגעטראגען די חסידישע רעזידענץ קיין

מעזעריטש, אַ שטעדטעל אין וואָלינער גובערניע. ער האט ניט געוואָלט לייגער פערבלייבען אין מעדזיבוש, ווייל זי ליגט צו ווייט פון ליטא און פוילען, און איהם, דעם גרויסען למדן, האט זיך ניט געוואָלט אז דער חסידיזם זאל בלייבען בעשרענקט אין די גרעניצען פון דער עם־הארץ׳דיגע אונוויסענדע אוקריינא און פאדאליע. ער האט געשטרעבט צו ערא‌ברן אויך פוילען און די לומדישע ליטא פאַרן חסידיזם, און די שטעדטעל מעזעריטש וואס ליעגט נאהנט צו די דאזיגע מדינות, איז גערא‌דע מסוגל געוועזן דערצו.

די יונגע חסידישע באוועגונג האט זיך גענויטיגט נאכ׳ן בעל־שם׳ס טויט אין א שטארקען פיהרער מיט אן ארגאניזאטאָרישען טאַלאַנט, און דאָס האָט זי געפונען אין „מעזעריטשער", וועלכער איז באגאבט געוועזן פון דער נאטור מיט געניאלע אָרגאַניזאטאָרישע פעהיגקייטען. תיכף ווי ער האָט זיך געזעצט אויפ׳ן בעל־שם׳ס שטוהל, האָט ער אויפגעהערט ארומפאָרען איבער שטעט, ווי דער בעל־שם האָט זיך כל ימיו נוהג געווען, און ווי ער אליין האָט דאָס פריהער געטאָן. אנטשטאט דעם האָט ער ענטוויקעלט א צאָל פעהיגע תלמידים, וועלכע פלעגען ארומפאהרען פון שטאָדט צו שטאדט צו געווינען אנהענגער פאר׳ן חסידיזם, און צו בעוועגען דעם עולם צו פאהרען קיין מעזעריטש זיך בעקענען מיט דעם וואונדערבארען רבי׳ן. ער אליין האט זיך אָנגעהויבען צו פיהרען מעשה „גוטער איד" מיט גבאים און שמשים, דער „הויף" איז שטענדיג פול געווען מיט געסט און ער פלעגט זיך נאר ציינען פאר׳ן עולם פון שבת לשבת, אָנגעטהאן פון קאפ ביז די פיס אין ווייסע אַטלאָס, אז אפילו די שיך און די טאבאק פושקע זיינען געווען ווייס, דער סימבאל פון „חסד". ער איז געווען ארום גערינגעלט מיט א גרויסען קרייז פון תלמידים, וואס זיינען צו איהם געקומען פון אלע פערשיעדענע געגענדען, פון רוסלאנד, פוילען, ליטא, דייטש־לאנד און דערגלייכען וועלכע האבען איהם ממש פערגעטערט, און מאנכע פון זיי זיינען געווארען די שפעטערדיגע גדולי־הדור און געשפיעלט אַ גרויסע ראָלע אין אידישען לעבען. אזוי ווי דער בעל־

שב אזוי האט אויך רבי בער געווירקט אויף די מאסען דורך וואונדער וואס ער האט בעוויזען. ער האט געהיילט קראנקע, גע־האלפען עקרות, געראטעוועט אידישע נשמות פון שמד, און דער־גלייכען.

ווען דער בעל־שם איז נפטר געווארען זיינען געווען בלויז ארום צעהן טויזענד אנהענגער זיינע און דאס אויך נאר אין אוקריינע און פאדאליען, אבער נאך רבי בער'ס פטירה האט דער צאהל חסידים דערגרייכט שוין אין די הונדערטער טויזענטער און אויך וויט אריינגעדרונגען אין פוילען און אין ליטא, אזוי אז אפילו אין ווילנא, די הויפטפעסטונג פון די רבנים און מתנגדים, האט זיך שוין געפונען א געהיימע חסידישע גרופע. פאר זיין פטירה האט דער „מעזעריטשער" פערטהיילט זיין „מלוכה" צווישען די בעסטע תלמידים זיינע, יעדערן בעשטימט א געגענד וואו ער זאל זיך באזעצען און גרינדען זיין דינאסטיע, צו פערשפרייטען די תורת הבעש"ט און די אידעע פון חסידיזם. דער גורל אויף צו פערשפרייטען חסידיזם איבער ליטא און ווייס־רוסלאנד איז אויסגעפאלען אויפ'ן אינגסטען און בעליעבסטען תלמיד זיינעם רבי שניאור זלמן, דער ערשטער פון דער זאנג־נאנטער שניאורסאנ'ס דינאסטיע און דער באגרינדער פון חב"ד'ער חסידיזם.

רבי שניאור זלמן האט באטראטען זיין שטול ווען ער איז נאך געווען גאר א יונגערמאן. ער איז שוין אבער דאן געווען א גרויסען גאון און א צדיק און אויך א גרויסער פילאזאף. ער האט זיך פון אנפאנג באזעצט אין לאזני. א פאאר יאהר שפעטער איז ער אריבערגעצויגען קיין לאדי, מאהילעווער גובערניע, וועלכע איז פארבליבען יאהרענלאנג די רעזידענץ פון די שניאורסאנס. ער האט זיך באלד גענומען צו באפעסטיגען דעם חסידיזם אויף די יסודות פון חכמה (קלוגשאפט), בינה (פארשטאנדיגקייט) און דעת (וויסענשאפט), פון וועלכע עס שטאמען די ראשי תיבות פון חב"ד. רבי שניאור זלמן האט די טיפע פילאזאפיע וואס געפינט זיך אין דער תורת הבעש"ט געמאכט אזוי פשוט אין זיינע

קלאסישע ספרים „תניא״ און „לקוטי תורה״ אז זי איז געווארען צוגענגליך פאר׳ן ברייטען עולם. ער האָט אויך געזוכט צו פאר־שפרייטען די תורת הנגלה, אין יעדער חסידישער שטיבעל האט געמוזט זיין א חברה ש״ס, צו לערנען אלע טאג א בלאט גמרא. ער האט זעהר שטארק בעפעסטיגט דעם עמוד העבודה, איינגע־פיהרט אז זיינע חסידים זאלען דאווענען נאכ׳ן נוסח האר״י הקדוש, נאכדעם ווי ער האט דעם סידור גוט מגיה געווען נאך די כללים פון דקדוק און נאכ׳ן ריכטיגען ספרד׳ישען נוסח. געלערנט זיינע חסידים צו טהאן יעדע מצוה מיט הארץ און מיט גרויס ווארימ־קייט, צו דאווענען מיט כונה און צו לייגען יעדען טאג א חוץ רשי״ם תפילין אויך רבינו תם׳ס תפילין.

א גרויסער ספעציאליסט איז ער אויך געווען אויף אויס־צוווארצלען פון זיינע חסידים די מאוס׳ע מדה פון גאוה, איינ־געוואוינט זיי צו לעבען צווישען זיך ברידערליך, מיט אחדות און פריינדשאפט איינער צום צווייטען אָהן אונטערשייד אויב ארים אדער רייך. ער האט זיך ניט געפיהרט ווי אנדערע חסידישע רביים מיט א ברייטען „הויף״, מיט פראווען טישען, מיט נעהמען פדיונות און געבען קמיעות און סגולות און דערגלייכען. בעת חסידים פלעגען זיך צוזאמען קומען ביי איהם אויף יום־טוב האט מען כמעט די גאנצע צייט פערבראכט אין הערען תורה און זיך עוסק זיין אין עבודת השם. אָט די אלע שעהנע מנהגים זיינען נאך ביז היינט פערבליבען ביי די חב״ד׳ער חסידים, מען הערט נאך היינט אין די חסידישע שטיבלאך די אייגענארטיגע תורה, א קאָמבינאציע פון קבלה, חקירה און פילאָזאָפיע. עס הערשט נאָך היינט דער צובונד פון איינעם צום צווייטען און דער גרויס דרך־ארץ פאר לומדות, און ניט אומזיסט רופט מען דעם חב״ד׳ער חסידיזם, די „חסידישע אריסטאקראטיע״. די גייסטיגע פיהרער האָבען שטענדיג געפיהרט א מוסטערהאפטע הנהגה, און ווייסענדיג זייער וויכטיגע מיסיע, האבען זיי שטענ־דיג געוואויגען און געמאסטען יעדען שריט, יעדעם ווארט וואס זיי האבען ארויסגעלאזען פון מויל, יעדע פעולה וואס זיי האבען

געטהאן, אז עס זאל ניט קומען חלילה צו א חלול השם. זיי האבען קיינמאל ניט געפיהרט זייערע „הויפען" מיט גרויס לוקסוס, כדי לייטען זאלען ניט האבען וואס צו ריידען, אויך געגאנגען שטענדיג געקליידט אין גאנץ געוועהנליכע בעלי־בתי'שע מלבושים.

כדאי צו דערמאהנען די טראדיציע וואס הערשט ביי די חב"ד'ער חסידים, נאך פון אלטען רבינ'ס צייטען, צו פערשרייבען יעדען ווארט תורה וואס מען הערט פון רבי'ן. צו דעם צוועק פלעגען זיך שטענדיג געפינען אין רבינ'ס סביבה געניטע שרייבערס מיט שעהנע האנדשריפטען, וועלכע פלעגען אנפארטיגען הונדערטער קאפיעס פון דער פערשריבענער תורה און דאס פאנאנדער שיקען איבער די שטעדט. א חוץ דעם איז געווען אן אינסטיטוציע פון „חוזרים" וועלכע פלעגען ארומפאהרען אין די שטעדט וואו עס געפינען זיך חסידים, און איבער'חזר'ן דעם רבינ'ס תורה ממש אות באות, און ס'איז רעכט געווען אזוי צו חזר'ן אויף אויסוועניג אין א שנעלער טעמפא, ביז 2 שעה נאך אנאנד, די שווערסטע קאמפליצירטעסטע ענינים.

די רביים האבען זיך ניט בענוגענט בלויז מיט'ן פערשפרייטען די תורת הבעש"ט און די חדושים וואס יעדער רבי האט צוגעגעבען, נאר אויך שטענדיג מעיר געווען דעם עולם צו לערנען גמרא און שלחן ערוך. אין יעדען חסידישען קבוץ האט געמוזט זיין א חוץ א חברה ש"ס אויך א חברה „חלוקת הש"ס", וואס יעדער גמרא למדן האט זיך מתחייב געווען אין פערלויף פון יאהר דורכצולערנען לכל הפחות איין איינציגע מסכת, און יעדען י"ט כסלו (דעם טאג וואס דער אלטער רבי איז בעפרייט געווארען פון תפיסה) האבען אלע צוזאמען געפראוועט א סיום הגדול אויף גאנץ ש"ס. בכלל האבען ווייניג חסידישע דינאסטיעס ארויסגעגעבען אזעלכע ריעזען אין נגלה און אין נסתר ווי דער אלטער רבי, רבי שניאור זלמן, און זיין אייניקעל רבי מענדעלע ליבאוויטשער, וועלכע האבען אזוי בערייכערט די תלמודישע ליטעראטור מיט א „שלחן ערוך" און מיט א „צמח צדק" און די קבלה ליטעראטור מיט „תניא" און מיט א „לקוטי תורה".

נאך ברייטער האט זיך דער חב״ד׳ער חסידיזם ענטוויקעלט אין די צייטען פון אלטען רבינ׳ס אייניקעל רבי מענדעלע, וואס זיין רעזידענץ איז אריבער פון לאדי קיין ליובאוויטש. אין זיין צייט האט זיך דער חב״ד פערשפרייט איבער גאנץ ווייסרוסלאנד, איבער א גרויסען טהייל פון אוקריינא און פערכאפט א רעכטען טהייל פון דער מתנגד׳ישער ליטא. לויט מאנכע סטאטיסטיק איז רבי מענדעלע געווען א רבי אויף דריי פיערטעל מיליאן חסידים. נאך זיין פטירה איז זיין „ממשלה״ פערטהיילט געווארען צווישען זיינע פינף זין: רבי יהודה ליב, רבי חיים שניאור זלמן, רבי ישראל נח , רבי יוסף יצחק, רבי שמואל, וועלכע האבען זיך באזעצט אין די שטעדט: קאפיסט, לאדי, ניעזין, אוורוטש און לובאוויטש. ליידער זיינען אין די לעצטע 25-30 יאהר כמעט אלע שטוהלען פער׳יתום׳ט געווארען און פערבליבען איז נאר דער איינציגער שטוהל פון לובאוויטש, וועלכער האט דארטען אנגעהאלטען ביז צו דער לעצטער וועלט־מלחמה, און וועלכער איז היינט אריבער קיין פעטערבורג, וואו עס געפינט זיך דער איינציגער יורש פון דער שניאורסאנ׳ס דינאסטיע, דער איצטיגער רבי, רבי יוסף יצחק שליט״א.

נאך רבי מענדעלע׳ס פטירה איז דער ליבאוויטשער שטוהל אריבער צו זיין זוהן דער צדיק רבי שמואלקע, וועלכער איז בע־וואוסט אין דער חסידישער וועלט מיט זיין גרויס חכמה, וואס פון נאהנט און ווייט פלעגט מען קומען צו איהם שואל עצה זיין. ער איז געווען דער ערשטער חסידישער רבי, וואס האט געזוכט התקרבות מיט די מתנגד׳ישע רבנים, און בעזאנדערס געווען א גרויסער מקורב מיט׳ן מתנגדישען גאון און צדיק רבי ישראל סאלאנטער. חסידים דערצעהלען אז דער מהר״ש האט אמאל אין שפאס געזאגט אויף ר׳ ישראל סאלאנטער, אז נאך א סך דורות האט זיך דער אויבערשטער דערבארימט אויף די אומגליקליכע מתנגדים און זיי אראבגעשיקט א נשמה פון א רבי׳ן, אבער זיי די שלים־מזל׳ניקעס האבען דאס אויך פערשלאפען!

דער ממלא מקום פון מהר״ש איז געווען זיין זוהן רבי שלום

בער, וואס חסידים האבען אויף איהם געזאגט אז ער איז א קדוש מבטן, און פון זיין קינדערווייז אן געווען א ברענענדיגער יראַ־שמים. פאר די 30 יאהר וואס ער איז געווען רבי, האט ער אָבגעשאפט כמה רבי'ישע טראדיציעס וואס פאסען שוין ניט מעהר פאר דער צייט. ער פלעגט זעלטען ווען ארויספאהרען פון לובאַוויטש און אויך נאָר אין אַ בעזונדערן נויטיגען פאַל, געזעסען תמיד ביי זיך אין אהל און געלערנט מיט גרויס התמדה, זיך זעלטען געצייגט פאר'ן עולם, אז אפילו די צונויפגעפאהרענע אורחים אויף די ימים טובים פלעגען ווייניג וואס קענען צוקומען צו איהם און איהם נאר זעהן בעת ער פלעגט זאגען תורה. ער האט געהאט א מנהג ניט צו עסען צוזאמען מיט'ן עולם א חוץ פסח צו די סדרים און שמחת תורה, און שטרענג אַכטונג געבען אז מען זאָל ניט פארלעצען אין זיין געגענווארט די געזעצען פון דרך־ארץ. קיין פדיונות פון ברייטען עולם ניט גענומען, געוויסע גבירים האבען איהם מספיק געווען מיט אַ ברייטער האנד, און בכלל איז זיין גאנצע הנהגה מעהר צוגעפאסט געווען צו דער הנהגה פון אַן עולם'שען צדיק ווי פון א חסידישען „גוטען אידען".

זיין ברייט הארץ, פול מיט צער און רחמנות אויף די צרות און יסורים וואס דער כלל ישראל אין רוסלאנד האט געליטען פון דער עמלק'שער מלוכה, האט איהם געצוואונגען ארויסצוגעהן פון זיין אהל תורה און עוסק זיין אין כלל ענינים. אין די לעצטע 10־15 יאהר פון זיין לעבען איז ער געווען איינער פון די גרעסטע און וויכטיגסטע כלל־טהוער אין רוסישען יודענטום. ער האט זיך אינטערעסירט אין אלע ענינים וואס זיינען נוגע צום כלל ישראל, און ניט בלויז אין ענינים וואס האבען א שייכות צו פערשטארקען תורה, חסידות און אידישקייט, נאָר אויך אלע זאַכען וואס זיינען נוגע צו פערבעסערן דעם אידישען עקאנאמישען מצב און צו פערלייכטערן די גזירות און די רשעות מצד דער רוסישער ממשלה. אַדאַנק זיין גוט קענען די רוסישע שפראך, האט ער געוואוסט פון ערשטען מקור פון אלע גזירות וואס קלייבען זיך אויפ'ן אידישען פאלק צו פערביטערן זיין לעבען, און זיך

תיכף געשטעלט אין פערבינדונג מיט די אידישע פיהרער אין פעטערבורג און אין דער פראווינץ, צו זוכען מיטלען און וועגען ווי צו פערמיידען די גזירות בעפאר זיי גייען ארויס, לכל הפחות זיי צו מילדערן. אויב ס'איז נויטיג געווען כאבאר — און ווען איז דאס ניט נויטיג געווען ? — האט ער נאר געדארפט א וואונק געבען זיינע חסידישע גבירים, ווי: די בערלינ'ס אין ריגא, טריינין און נור־אריה אין פעטערבורג, פערסיץ און מאנעסזאן אין מאסקווע און דערגלייכען, און די נויטיגע סומעס זיינען באלד געשאפען געווארען. די ברייטע אידישע וועלט האט קיינמאל ניט געוואוסט פון די אלע וויכטיגע מעשים וואס דער מהרש"ב האט געטאהן פאר'ן כלל, ווייל אלע אזעלכע ענינים מוזען נאטירליך אין געהיים געמאכט ווערען, און נאר יחידי־סגולה האבען דערפון געוואוסט.

צוליעב זיינע כלל־ארבייט איז דער מהרש"ב געשטאנען אין א שטענדיגען בריף וועכסעל מיט די גרעסטע עולם'שע רבנים פון זיין צייט ווי למשל: רבי חיים סאלאווייציק, רבי דוד פרידמאן, רבי אליעזר ראבינאוויץ פון מינסק, רבי חיים עוזר פון ווילנא רבי מאיר שמחה פון דווינסק, רבי דוד טבלי פון פעטערבורג, רבי ישראל מאיר (דער „חפץ חיים") און אנדערע. מיט זיין גרויס דערנעהנטערונג צו די מתנגדישע רבנים האט ער פיל בייגע־טראגען אז עס זאל אין גאנצען אבגעווישט ווערען די נאך פערבלי־בענע שפורען פון די אמאליגע חלוקי־דעות צווישען חסידים און מתנגדים אין ליטא און אין רייסען. ער איז געווען אזוי ווייט טאלעראנט, אז קומענדיג אמאל אין ווילנא, האט ער אנגענומען די איינלאדונג פון די ווילנער רבנים צו ריידען אין דער גרויסער שוהל, אין דער אייגענער שוהל וואס מיט הונדערט יאהר צוריק האט מען דארטען מחרים געווען די חסידישע כתה.

איינער פון זיינע נאהנסטע מקורבים פאר די לעצטע 15 יאהר פון זיין לעבען און די רעכטע האנד אין אלע כלל־ענינים, איז געווען דער ניעזינער רב, דער קדוש רבי מענדיל חן ז"ל, וועלכער פערדינט דא דערמאהנט צו ווערען. אגב האט ר' משה אליעזר קרעמער נאך קורץ פאר זיין טויט די פאמיליע פון הרב

חן זעהר פיל געהאלפען. הרב חן איינער פון די שעהנסטע חסידישע רבנים, א גאון, א צדיק און א מושלם בכל המעלות איז געוואָרען א קרבן פון די פּאָגראָמשטשיקעס אין יאָהר 1919 און אוועק פון דער וועלט נאך זייענדיג א יונגער מאן אין די פיער־ציגער יאהרען. בעת די דעניקינצעס האבען זיך אריינגעריסען אין ניעזין און אָנגעהויבען צו פאגראמירע׳ן און קוילענען אידען, איז הרב חן מיט מסירת נפש אוועק צום קאָמענדאנט זיך משתדל זיין פאר דער שטאדט. צוקומענדיג צום הויז פון קאמענדאנט האט ער דערזעהן ווי איינער אַן אָפיצער הייבט אויף זיין שווערד און וויל דערשטעכען א אידען, הרב חן איז האסטיג צוגעלאפען צום אָפיציר און איהם אָנגעכאפּט פאר׳ן האנד ניט דערלאזען הרג׳ענען דעם אידען. דער אפיציר האט קיין שאלה ומעלה גע־מאכט ארויסגעכאַפּט א רעוואלווער און דערשאסען דעם רב אויפ׳ן שטעל. זיין אלמנה מיט 3 קינדער האבען זיך קוים מיט די לע־בענס מציל געווען, און א דאנק די ארבייט פון הרב רמ״מ לאקשין פון ברוקלין און הרב ראבינאוויץ פון באסטאן, איז געשאפען געוואָרען דאָ אין אמעריקא א היבשע סומע געלד אריבער־צוברייגנען די פאמיליע פונ׳ם קדוש קיין ארץ־ישראל. ר׳ משה אליעזר קרעמער האָט אויך זעהר פיעל געטאָן פאר דער דאזיגער אונגליקליכער פאמיליע, און א חוץ זיינע נדבות האט ער זאגאר נאָך אין דער לעצטער וואך פון זיין לעבען זיך שטארק אינטערעסירט מיט דעם ענין און געפיהרט וועגען דעם א קארעס־פאנדענץ מיט הרב קוק, דער רב הכולל פון ירושלים.

פון אלע חב״דער רביים האט קיינער ניט אזויפיל געארבייט אויף אנצוהאלטען די חב״ד׳ער טראדיציע — צו פעראייניגען דעם למוד פון תורת הנסתר מיט׳ן למוד פון נגלה און צו פערשפרייטען דעם למוד התורה בכלל — אזוי ווי דער מהרש״ב. באלד ווי ער האט בעטרעטען זיין פאטער׳ס אָרט האט ער זיך גענומען צום גרינדען ישיבות, וואו עס זאל געלערנט ווערען, ווי אין אלע עולם׳שע ישיבות, ש״ס און פּוסקים און אויך א פאאר שעה אין טאג חסידות. אין יאהר תרנ״ח האט ער געעפענט די ערשטע

גרויסע ישיבה אין ליובאוויטש. און דערנאך מעהרער קלענערע ישיבות אין די שטעדט: זעבין, דאקשיץ, שצעדרין, סטאראדוב און נאך, אלע אונטער'ן נאמען „תומכי תמימים". די ליובאַ־וויטשער ישיבה איז מיט דער צייט גרוים אויסגעוואקסען, און פאר דער מלחמה האט די צאהל תלמידים דערגרייכט ביז 400. מיט דער צייט האט די ישיבה ארויסגעגעבען זעהר וויכטיגע רבנים און בעלי־בתים לומדים, וועלכע שפילען היינט א גרויסע ראלע אין דער אידישער וועלט, און אויך ביי אונז אין אמעריקא געפינען זיך מעהרערע געוועזענע ליובאוויטשער תלמידים, וועלכע זיינען א שטאלץ פאר'ן אמעריקאנער יודענטום.

ליידער האט די וועלט־מלחמה געבראכט א גרוים חרבן אויף די אלע ישיבות אויף וועלכע דער מהרש"ב ז"ל און זיין זוהן, דער ממלא מקומו זיינער, ר' יוסף יצחק שליט"א האבען אזויפיל כחות אוועקגעלייגט. באלד אין אנפאנג מלחמה האט דער מהרש"ב מיט זיין פאמיליע פערלאזען ליובאוויטש, וועלכע איז געווען אין געפאהר בעזעצט צו ווערען פון די דייטשען, און איז אוועק קיין ארעל וואס ליגט ווייט פון פראנט. אין דער ערשטער צייט בעת וויים־רוסלאנד איז נאך נים געווען אקופירט פון די דייטשען, האט ער געהאט די מעגליכקייט, מעהר אדער ווענינער צו שטיצען די אלע ישיבות, אבער נאכדעם ווי דער דייטש האט זיך שוין פער־שפרייט איבער'ן גאנצען מערב רוסלאנד און אבגעריסען די פאר־בינדונג מיט'ן דרום, זיינען די אלע ישיבות צוליעב מאנגעל אין געלד ביסלעכוויים אונטערגעגאנגען. די בחורים וועלכע האבען אין צייט באוויזען זיך ארויסצורייסען פון ליובאוויטש, האט זיי דער מהרש"ב געבראכט קיין קרעמענטשוק, און דארטען אויפגע־שטעלט די צובראכענע ישיבה. שפעטער אז ער האט אריבערגע־מופט קיין ראסטאוו האט ער אויך די ישיבה אריבערגעפיהרט אהין, און נים אכטענדיג אויף די שווערע לעבענסבעדינגונגען און די רדיפות מצד די „יעווסעקצעס", די פושעי ישראל, האט ער מיט די לעצטע כחות, ביז צום ענד פון זיין לעבען אנגעהאלטען די ישיבה.

זיצענדיג אין ראסטאוו האט ער זיך דערוואוסט אז אין גרוזיע (קאווקאז) געפינען זיך א סך אידען וואס ווייסען ניט פון אידישקייט, צוליעב דער גרויסער עם־הארצות וואס ביי זיי הערשט, האט ער לאנג ניט געקלערט, און אוועקגעשיקט אהין איינעם פון זיינע ענערגישע תלמידים דעם ראקישקער רב, רבי שמואל לעוויטאן, אז ער זאל דארטען גרינדען חדרים און בכלל זוכען צו פערשפרייטען אידישקייט. די ערשטע פראבע האט ער געמאכט אין דער שטאדט קוטאיס, וואו עס געפינען זיך פיל פון די בערג־אידען וואס די מעהרסטע זיינען פרום געזאנען, און איינגעארדענט דארט צעהנדליגער חדרים, וואו נאך היינט לערנען ביז 400 תלמידים. אזוי ווי די ערשטע פראבע איז געלונגען, האט ער אהין געשיקט נאך איינינע פון זיינע פעהיגסטע תלמידים, וועלכע האבען געהאלפען אויסצושפרייטען א נעץ פון חדרים און קליינע ישיבות איבער דעם גאנצען אידישען ישוב אין גרוזיע, און מיט דער צייט זיינען ארויסגעקומען פון די ישיבות א רעכט ביסעל לומדים, וועלכע זיינען פערבליבען אין קאווקאז אלס רבנים, שוחטים, מלמדים, סופרים און מוהלים.

די שרעקליכע שחיטות און אוקריינא אין די יאהרען 1918-19 צוזאמען מיט די רעליגיעזע רדיפות פון אונזערע אייגענע באלשעוויקעס האבען זיך שטארק אבגערופען אויף זיין שוואך געזונד, די כחות זיינען אלץ שוואכער געווארען און האבען ניט געקענט אריבערטראגען די טיפוסקראנקהייט וועלכע ער האט זיך אנגעשטעקט פון קרעמענטשוקער רב, הרב ראפאלאוויץ, וועלכער איז ביי איהם אין הויז קראנק געווארען, און איז נפטר געווארען ב׳ ניסן, תר״פ.

ביי אונז אין אמעריקא האט מען זיך דערוואוסט פון זיין פטירה ערשט אין א 4 חדשים ארום. גרויס צער און טרויער האט ארויסגערופען ביי אלע חב״ד׳ער חסידים איבער גאנץ אמעריקא, און דער פערדרוס איז געווען נאך גרעסער דערמיט, וואס זייענדיג אבגעריסען פון רוסלאנד האט מען ניט געוואוסט אויב דער מהרש״ב האט איבערגעלאזען א ממלא מקומו, אדער מיט איהם

זאל זיך האבען געענדיגט די דינאסטיע. א דאנק די אייפריגע ארבייט פונ'ם געוויסען חסיד ר' דוד שיפרין האט מען ענדליך באקומען אויף אומוועגען די פרעהליכע נאכריכט, אז דער מהרש"ב'ס בן יחיד, רבי יוסף יצחק שליט"א, האט איבערגענומען דעם פאטער'ס שטוהל, און זעצט פארט די גוטע ארבייט פון זיין גרויסען פאטער. שפעטער אין יאהר תרפ"ב, בעת עס האט אנגעהויבען אנצוקומען צו די חב"ד'ער חסידים אין אמעריקא דירעקטע בריף פון רבי'ן, האט זיך דא אנגעפאנגען א בעוועגונג צו זאמלען געלד אויפצוהאלטען די מוסדות התורה וואס דער מהרש"ב ז"ל האט געגרינדעט. די דאזיגע באוועגונג האט געבראכט צו א פעראייניגונג פון די צושפרייטע חב"ד'ער חסידים אין יור נייטעד סטייטס און קענעדע, און אויף'ן ערשטען קאנפערענץ איז ר' משה אליעזר קרעמער איינשטימיג געוועהלט געווארען צום פרעזידענטען. באמת נאך איידער ער האט איבערגענומען דעם דאזיגען אמט האט ער זיך שוין געהאט פיל אינטערעסירט מיט'ן רבינ'ס ענינים, געשפענדעט אייגענע היבשע געלד און נאך געזאמעלט ביי אנדערע און איבערגעשיקט צום רבי'ן פאר די מוסדות התורה.

דער יונגער רבי, דער אדמו"ר, רבי יוסף יצחק שליט"א, האט אלעמען איבערצייגט, באלד ביים זעצען זיך אויף'ן פאטער'ס שטוהל, אז ער איז באמת ראוי לאותא איצטלא. מיט גרויס מסירת נפש האט ער זיך אריינגעווארפען אין די כלל ארבייט, ניט אכטענדיג די שווערע לעבענסבעדינגונגען אין רוסלאנד פון יענער צייט און די שרעקליכע רדיפות וואס ער האט געהאט פון די עוכרי ישראל די יעווסעקציעס, האט ער געזוכט מיט אלע כחות אנצוהאלטען דאס עקזיסטענץ פון די מוסדות התורה וועלכע זיין זעליגער פאטער האט געשאפען, און וואס ער האט איהם אנגעזאגט אין צוואה דאס צו טהאן.

דער יונגער רבי איז נאך וייטער געגאנגען ווי די צוואה. א חוץ וואס ער לעגט ממש אוועק דעם לעבען פאר'ן קיום פון די מוסדות התורה, האט ער נאך זעהר פיעל כחות אבגעגעבען

אויף אנדערע עניני הדת. ער האט געהאלפען אויפצובויען מקואות אין כמה שטעדט וואס זיינען חרוב געווארען אין דער צייט פון מלחמה, בעזארגט כמה קהלות מיט תפילין, ציצית און סדורים און אנדערע צרכי קדושה, וואס צוליעב זייער טייערקייט קענען זיך דאס ניט אלע אנשאפען. ער אליין מיט זיין פאמיליע, וואס זיינען אויפגעהאדעוועט געווארען אין גרוים וואוילטאג, לעבען אין גרוים רחקות, און דאך האט ער קיינמאל ניט געבעטען פאר זיך אליין פאר אנדערע. ער איז באמת דער איינציגער רבי, וועמענס גורל איז אויסגעפאלען צו פיהרען אזא שווערען טראגישען לעבען, צו טראגען אויף זיינע פלייצעס אזא שווערע לאסט, צו זיין אבגעריסען פון מקור און צופיהרען א נע־ונד לעבען. עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז דער דאזיגער רוהיגער עניוות׳דיגער יונגער מאן, בעזיצט א הערדישע אונטערנעהמונגס גייסט, א אונגעוועהנליכע ענערגיע און א געוואלדיגען בטחון. אין די 5 יאהר וואס ער איז רבי, האט ער דורכגעמאכט א רעכט פעקיל צרות, און דאך טהוט ער נאך היינט זיינע ארבייט מיט פולע פרישקייט ווי עס וואלט אלץ געגאנגען כשורה. א דאנק זיין אונגעוועהנליכע ענערגיע איז איהם געלונגען אויפצוריכטען דעם האלב צוזאמענגעפאלענעם בנין פונ׳ם חב״ד׳ער חסידיזם, דארטען אין רוסלאנד ווי אויך דא אין אמעריקא.

די הויכע נאבעלע נשמה וואס געפינט זיך אינ׳ם דאזיגען יונגען רבי׳ן שפיגעלט זיך אב אין זיינע בריעף וואס ער שיקט, פון צייט צו צייט, צו זיינע חסידים אין אמעריקא. ער רעדט זעהר ווייניג וועגען געלד, די הויפט טעמעס זיינען וועגען פערשטארקען תורה און אידישקייט אין אמעריקא, וועגען עניני החנוך אז מען זאל געבען קינדער לערנען נאר אין חדרים און אין ישיבות וואס האלטען זיך אן דער טראדיציע, וועגען קובע עתים לתורה, וועגען אויפהייבען דעם למוד החסידות וואס ווערט פערגעסען פון טאג צו טאג, וכדומה אזעלכע ענינים. אויב ער רעדט יא וועגען געלד, איז דאס אויך נאר אין א גאנץ איידעלען פארם און נאר אויף צו שטיצען די מוסדות התורה אין רוסלאנד און אין

ארץ־ישראל. ווענען זיך דערמאהנט ער קיינמאל ניט, כאטש זיינע הצטרכות איז גרויס און לעבט בדוחק, א זאך וואס פאר אמעריקאנער חב״ד׳ניקעס וואלט בודאי ניט שווער געווען איהם אויסצוהאלטען מיט גרויס רחבות, ווען ער וואלט נאר א וואונק געגעבען ווענען זיך.

ער איז אלס ערשטער ארויס אין זיינע בריף מיט׳ן פראַ־יעקט צו פעראייניגען אלע חב״ד׳ער קהלות אין אמעריקא, און אליין פארגעשריבען א פּלאַן ווי דאס דורכצופיהרען. ער האט ניט אויפגעהערט צו בעטען אין זיינע בריף אז מען זאל מקרב זיין די שעהנע אורחים וואס קומען איצט אריבער קיין אמעריקא פון דער צרה׳דיגער מדינה, און בפרט האט ער געבעטען אז מען זאל אויפנעהמען בדרך כבוד זיין פאטערס תלמידים און זיינע גוטע פריינד, די זעהר וויכטיגע רבנים: רמ״מ לאקשין, ר״א סימפּסאן, רש״ב זיסלין וכהנה, אויף וועלכע ער לייגט גרויס האפנונג אז זיין וועלען אויפלעבען דעם חב״ד׳ער חסידיזם אין אמעריקא. ובאמת האבען טאקע די דאזיגע שעהנע רבנים, ובפרט הרב לאקשין, זעהר פיל אויפגעטהאן און וועלען נאך בודאי פיל אויפטהאן צום פערשפרייטען דעם חסידישען גערא‌נק אין די נוסח האר״י שוהלען, און צו געפינען שטיצע און מיטלען פאר די ישיבות „תומכי תמימים״, וואו עס געפינען זיך קרוב צו 2000 תלמידים, וואס דורך ר׳ משה אליעזר׳ס פריהצייטיגען טויט איז די ארבייט אויף א געוויסע צייט אונטערבראָכען געוואָרען.

אין די לעצטע פּאאר יאהר האט דער רבי זיך אויך שטארק אינטערעסירט צו פערבעסערען די אידישע עקאנאמישע לאגע אין רוסלאנד, און א דאנק זיין פארבינדונג מיט דר. ראזען, דער רוסישער פערטרעטער פונ׳ם „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע״, וועלכער האלט פון רבי׳ן אן עולם ומלאו — זיינען מעהרערע הונ־דערטער פאמיליען שומרי דת געהאלפען געוואָרען. ווי דער רבי האָט זיך דערוואוסט פון דעם 15 מיליאָן דריווו וואָס דער „דזשאָינט דיסטריביושאן קאָמיטע״ וויל איצט אונטערנעהמען צו אונ־טערשטיצען די אידישע קאלאניזאציע אין רוסלאנד, די איינציגע

רעטונג פאר הונדערטער טויזענדער רוסישע אידען, וואס צוליעב די קאמוניסטישע עקאנאמישע בעדינגונגען זיינען זיי געבליבען אהן פרנסה — האט ער צוגעשיקט אהער א פארטיגען אויס־געארבייטען פלאן ווי אנצוגעהן מיט דער הילף, און גלייכצייטיג געבעטען צו בעווילינגען געוויסע סומען פאר צרכי הדת. זיין איינ־טרעטען פאר דער זאך האט געפונען גרויס בייפאל ביי די פיה־רער פון דזשאינט, און זיין מיינונג האט געשפיעלט א גרויסע ראָלע אויפ'ן גרויסען היסטאָרישען קאָנפערענץ, וואָס איז אָב־געהאלטען געווארען אין חודש אלול תרפ"ה, אין פילאדעלפיא. אלס אפיציעלער פערטרעטער פון רבי'ן זיינען איינגעלאדען גע־ווארען צום קאנפערענץ הרב לאקשין און לאיער יקותיאל קרעמער, א זוהן פון ר' משה אליעזר קרעמער ז"ל.

זייער השתדלות האָט געהאט א גרויסען ערפאָלג און אז דער רבי האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער צוגעשיקט א דאנק־בריף צו לאָיער קרעמער, וועלכער אין אידישער איבערזעצונג לייענט זיך ווי פאָלגט.

ב"ה, יום ג', ט' מרחשון, תרפ"ו.

כבוד ידידי הכ' נכבד ונעלה, המורתו במדות נשגבות, פועל חרוץ לטובת בני עמו החרם הנודע מר. יקותיאל יחי למשפחת קרעמער. שלום וברכה.

„די אנגענעהמע בשורה וואס האָט מיר אָנגעזאָגט אונזער טייערער פריינד הרב לאקשון, אז אייער מיה און ארבייט ביים „דזשאָינט" איז געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג און אז זיי האָבען אָנגענומען מיינע עצות צו פארזאָרגען די אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאנד מיט רעליגיעזע אנשטאלטען, און צו שטיצען די אידישע בעלי־מלאכות אין די שטעדט אָנצוהאלטען זייער עקזיסטענץ — האט דערפרעהט מיין הארץ וואָס איז באטריבט און צובראָכען פונ'ם ביטערען אידישען צושטאנד אין רוסלאנד. טויזענדער אידי־שע פאמיליעס ליידען היינט הונגער און קעלט, דורכדעם וואָס זיי ווילען ניט מחלל שבת זיין, און אז דער „דזשאָינט" וועט מקיים זיין די הבטחה וואָס ער האָט אייך געגעבען צו געבען זיי די מעג־

ליכקייט צו ארבייטען און דערביי קענען היטען די רעליגיע, דאן וועלען זעהר פיעל פון אונזערע טייערע ברידער ניט ברויכען מעהר צו הונגערן, ניט זיי און ניט זייערע קינדער, און דאָס וועט זיין א ווירקליכער קדוש השם.

„פאר׳ן דורכפיהרען אזא וויכטיגע זאך זאָל אייך השם יתברך בענשען מיט א דרייפאכיגע ברכה, מיט חיים, שלום און הצלחה. דער אויבערסטער זאָל אייך העלפען איהר זאָלט האָבען שטענדיג הצלחה אין אלע ענינים וואו איהר וועט אויפטרעטען, אין אלע משפטים וועלכע איהר וועט פיהרען זאָלט איהר שטענדיג ארויס דער גערעכטער. ער זאָל אייך העלפען, אז איהר זאָלט געהן אזוי ווייטער אין די וועגען פון אייער טייערן פאָטער דער חסיד ז״ל, צו טאָן טובות אונזערע ברידער, צייטווייליגע און באשטענדיגע.

„איהר זאָלט אָבער וויסען, מיין פריינד, דער זוהן פון מיין פריינד, אז די פּראַקטיקע האָט מיר געלערנט דאָס ביז א גוטע זאך ווערט דורכגעפיהרט נעהמט צייט, און ס׳איז נאָך נויטיג פיל כחות אָנצואווענדען ביז דאָס פארשפּרעכען פון „דזשאָינט״ זאָל דורכגע־פיהרט ווערען אין לעבען. ובכן זאָלט איהר שטעהן אויף דער וואך און זעהן אז דאָס וואָס איהר האָט אָנגעהויבען זאָל טאַקע פאר־ווירקליכט ווערען, און פארגעסט ניט, מיין פריינד, דער זוהן פון מיין פריינד, אז דורך אייך קען קומען א ישועה צו הונדערטער טויזענדער אידען, וועלכע שוועבען צווישען לעבען און טויט, דורכ־דעם וואָס זיי ווילען היטען אונזער דת, און זייט זיכער אז דער אויבערשטער וועט אייך העלפען צו זיין א מזכה רבים וועלכע ווילען מקדש השם זיין״.

זייט געבענשט ווי איהר ווינשט זיך אליין און ווי עס ווינשט אייך אייער פריינד.

יוסף יצחק שניאורסאָן.

צום סוף גיבען מיר איבער אן אייגענהענדיגען בריף וואָס ר׳ משה אליעזר האָט געשריבען צו זיין פריינד ר׳ בער לעווין אין ספּרינגפילד.

דעם דאָזיגען בריף האָט ער אָנגעשריבען אין טאָג וואָס ער איז קראַנק געוואָרען. און דאָס איז זיין לעצטער בריף. אינטערעסאַנט איז אויך דער אינ־האַלט פון בריף וועגען א חוב, אין וועלכען ער בעט זיין פריינד צו לאָזען וויסען זיין ברודער, אַז ער איז איהם מוחל די צינזען און דעם קרן זאָל ער אָפּ־געבען ווען דער אויבערשטער וועט אים העלפען און אויך ניט אָבגעבען איהם נאָר צו זיין ברודער אין קורינעץ.

MORRIS L. KRAMER
HYMAN S. KRAMER
ABRAHAM S. KRAMER

TELEPHONE SPRING 654

M. L. KRAMER & SONS

MANUFACTURERS OF

BOYS CLOTHING

MEN'S PANTS & KNEE PANTS

687-89 BROADWAY

New York

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

Street in Kurenitz
אַ גאַס אין קורינעץ

Kurenitz Market Place
קורינעצער מאַרק־פּלאַץ

Yeshevah Teachers
תלמידים פון תלמוד־תורה



The Three Synagogues
דריי שוהלען



Panorama of Kurenitz
א בילד פון קורינעץ

Hebrew School Girls
תלמידות פון דער העברעאישער שול



Yeshevah Boys

ישיבה בחורים



Talmud Class

די לעהרער פון תלמוד־תורה

THE LIFE

of

MORRIS L. KRAMER

A BIOGRAPHICAL SKETCH
OF A JEWISH SCHOLAR
AND BUSINESSMAN

Compiled and arranged by a group
of his friends and admirers

NEW YORK, 1926

PINSKI-MASSEL PRESS, INC.
NEW YORK

INTRODUCTION

Thursday, the 30th day of April, 1925 (the 6th day of Iyar, 5685), will remain an eternal day of mourning, to us and to our children after us to the end of days. On that day, the Crown of Glory was snatched off our head! The Sun became darkened and overcast in the very hour of his noon-day brightness. On that fatal day we lost our beloved and unforgettable father, the pride of our family, Moses Eliezer Kramer, may his soul rest in peace!

Deep as the sea is our sorrow—a sorrow in which we can find neither comfort nor ease. Deep indeed is the sorrow and anguish of any man in the loss of a beloved parent. But greater still is our sorrow in the loss of a father, who, during his entire life, was a father not only to his own family, but the protector, and the source of inspiration to so many others through the great generosity of his heart, through his unbounded loving-kindness and philanthropy.

It is said that one of the immutable laws of Nature is for the dead to be, soonor or later, forgotten. But we shrink from the thought that we, the children who have grown up under the sheltering care and the tenderness of this saintly man, and have been the daily witnesses to the nobility of his life and the loftiness of his deeds,

should ever draw the veil of forgetfulness over his memory. His bright spiritual image shall forever be before our eyes, so that it may serve as the guide and the path-finder in our life, while his memory shall be revered by us to the very end of our days.

There is one thing that we do fear, however. We fear that our young children, whose knowledge of this great and exceptional personality is, and will be, in a great measure, based on hearsay only, will have but a faint recollection of the founder of our family, while the generations that succeed them will know still less. There is thus the possibility that the memory of this great and good ancestor, may be in the course of time, either entirely forgotten, or only faintly remembered.

It was this haunting fear of the future that has urged us on to this task, and has given birth in our minds to the thought of writing this brief biography in both Yiddish and English, so as to leave it as a spiritual heritage to our successors on the stage of life. Let them, too, know their great ancestor, and at the same time learn to make him the pattern of the life that they are to lead. Let them peruse carefully this book and appreciate the essence and the glory of true Jewish conduct and idealism, so that they may justly feel pride in their descent from this man, who represented the embodiment of true and sincere piety and an innate love for mankind.

This book, in briefly relating the noble life of our father, may, we hope, at the same time serve as an example to many other men and women, by furnishing splendid proof that neither money nor knowledge is in itself sufficient to bring happiness to man, but that it is essen-

tially important to know the proper means of making use of wealth and knowledge so that it may bring true happiness in its enjoyment. Our unforgettable father was happy and contented all through his life-long days and was ever of good cheer, not because of the fact that he was blessed with sufficient means to fully satisfy the economic necessities of life, but because hardly a day passed in his mature life that he did not utilize his means for doing good to some person or cause. He gloried not in his wealth or wisdom but in his humble, but intensely sincere, devotion to God and to his fellowmen.

Then, too, another thought was present in our mind as we contemplated the preparation of this book. It was to bring some small measure of comfort to our dear mother in her bereavement. Good and pious woman that she is—she is bearing up heroically under her great burden of sorrow. Like a true saint, she is cheerfully accepting her meed of suffering and is bearing bravely the parting, in the noontide of life, from the one in whose loving and harmonious association she had spent so many happy years. Let her read this book and find solace in living once again those beautiful memories, the memories of that rare good fortune that was hers in having lived for forty-four years with this good man, and to have shared actively in all his noble deeds. And we, her devoted children, are offering up our daily prayers to the Almighty to prolong her life in joy and happiness, and may she find much comfort and contentment in her children and grandchildren.

The contents of this book have been assembled by a small but varied group of associates and friends of our

departed father,—including a few who have grown up with him in his old home-town,—some who frequently co-operated with him in his many endeavors, and others who were attached to him by business ties, and by some who enjoyed his intimate friendship in private life. To these men we hereby express our heartfelt thanks. They are: Rabbi Menachem Mendel Lakshin, Rabbi Noah Liverant of Kurenitz, Rabbi Chayim Avrom-Ber Levine, Abraham Michael Katz of Rockaway, Chayim Ber Sasensky, Rabbi Nachman H. Ebin, Ber Levin of Springfield, Mr. Abraham Kaplan, Mr. Jacob Katzenelenson, Mr. David Shifrin, Mr. Isaac Epstein, Mr. Baruch Kopelowitz, Isaac Cohen of New Haven, Charles Paston and Jacob Massel. Special thanks are due to the renowned literateur and publicist, Mr. Jacob Mark, under whose able editorship this book was written and prepared for print.

New York, Nisson, 5686—March, 1926.

Sons

Hyman S. Kramer............. (חיים שניאור זלמן)
Abraham B. Kramer................ (אברהם בער)
Isidor H. Kramer....................(יצחק אריה)
Samuel Kramer....................... (יקותיאל)

Daughters

Beckie L. Kaplan.................. (באשע ליבע)
Sadie Weisbard......................... (שיינע)
Bertha Kramer........................ (ברכה)

CHAPTER I

Reb Moses Eliezer's Parentage and Early Environment

It is axiomatic that when one wishes to have the tree bear good and wholesome fruit he must study carefully the soil in which it is being planted. One must, also, bestow the utmost care upon that tree after it has been planted, especially so during the early and tender period of its life. It is equally so with regard to a human being; his descent as well as the surrounding in which he grows up forming the two main factors in his later life and development. A popular proverb has it that "the apple does not drop too far from the tree." And it undoubtedly is true that out of refined and intelligent parents there will come forth a generation of refined and cultured offspring. Of even greater importance than family is education and rearing which forms the impressions that develop in one from the surroundings in which he has spent the impressionable years of his childhood and youth. No book or teacher can possibly leave such a deep and lasting impression on one as is made in the actual observation in one's youth of the practice by others of virtue and good deeds. Reb Moses Eliezer Kramer had the good fortune to be blessed wth both. He was born of good and noble-minded parents, and was

reared in a home atmosphere that was full of learning, piety and good deeds.

The small hamlet of "Kurenitz" in the Province of Wilna, whose population never exceeded three or four hundred Jewish families, played an important role in the spiritual life of the Jews of Russia of sixty or seventy years ago quite out of all proportion to its size. This townlet was famed for her great Talmudic scholars, for her God-fearing and pious men and women, and was considered at the same time as the cultural center of the *Liubawitscher chassidim* of the entire Province. Poor and small as the town was, it managed nevertheless to maintain, and to maintain well, three Chassidic synagogues and one of the Misnagdic ('opponents') sect. To the town's credit be it said here that it was one of the very few towns in which these two opposing sects always managed to live in peace and harmony with each other. The inhabitants of this townlet continued to lead the happy and simple life of their fathers, their few simple needs satisfied with a minimum of exertion and worry. The entire townlet constituted, as it were, one happy family, sharing each other's sorrows and joys and celebrating their periodic holidays in that spirit of happiness and whole-heartedness that is so rare to meet with in our present, more complicated, life. The first one to introduce the Chassidic cult into this Lithuanian townlet was the renowned leader and Talmudic scholar, Zalman Kurenitzer, a man who has remained to this day the pride of the people of Kurenitz. He was presently joined by some of the best known residents and scholars of the town, such as: Judah Leib Efron, Judah Zussman,

Joseph Meier Levy and other men of prominence. This movement gained even greater impetus in the days of Zalman's son, Reb Ziske, one of the most celebrated scholars and pious men of that period in the entire region.

Many are the wonderful tales told by the Chassidim of this Reb Ziske. To this very day, the people of Kurenitz mention his name in tones of reverence, respect, and honor. Out of the many and various legends that have, in course of time, been built up about his singular personality, one can readily perceive that he was not only a man of great scholarship and piety, but a man of great worldly wisdom and exceptional ethical conduct as well; a man whose rich personality exerted no little influence upon his surrounding. Reb Moses Eliezer, who had the rare good fortune to study in the years of his youth in Reb Ziske's school ('Beth-Hamedrash') and so had the opportunity to come in close contact with this good man and to observe him and his deeds, would often say, "If some little of the glow and the warmth of the Jewish heart has remained with me, it is Reb Ziske that I have to thank for it." One must remember, also, that the Jewish life of that period was full to overflowing with learning and piety, with charity and good deeds; virtues, which laid the substantial foundations for the subsequent career of Reb Moses Eliezer Kramer.

Greater even than all these, was the domestic influence. It was a home full of learning ('Torah') and Jewish piety, loving-kindness and generosity; a most beautiful example of the truly Jewish home of the past days, the equal of which it is so rare to find at the present time, not only in America but in the old home-land as well. Some

men of the present age find difficulty in conceiving the possibility of people going through life bearing the burden of their neighbor's worries upon their own shoulders. They wonder how it is possible for a person not to wait for the sufferer or the needy one to come for aid, but to anticipate his needs and wishes. They cannot imagine that there were always men and women among us whose human sympathies were so broad that their deeds of generosity always exceeded their slender means, men who actually shared their last mouthful of bread with the hungry and needy ones, or with those who were in greater need than themselves. To this type of saintly people Reb Yechiel Michel, father of Moses Eliezer, belonged. He was a man of learning and great piety, a man of worldly wisdom and accomplishment. Such was also his mother, Itke, a woman of true piety, with a heart full of kindness and generosity. Though they were far from wealthy all through their life, they always gave more of their limited means than many of their more wealthy townsmen and neighbors.

At the time of Reb Moses Eliezer's birth, in the year 1864, his parents lived at Kurenitz. Seven years later they removed to the nearby village of "Ostashkova," where they became the lessors of an estate, remaining there to the end of their days. The noble owner of the village and estate, Baronowitz by name, after a brief acquaintance with his tenant, learned to appreciate the nobility of character and refinement of Reb Michel—who, by the way, spoke an excellent Polish—entrusted him with the management of his entire estate and recommended him as well to many of the neighboring land-

owners. Reb Michel thus had the opportunity to earn some extra money and to become a man of moderate means. But his ambition in life was not the accumulation of wealth, but rather to share it with those less fortunate than himself. He would make frequent pilgrimages to the Rebbi of Liubawitsch, first to Reb Mendele, and later to his successor Reb Shmulke, and on these occasions would give generously of his means to all worthy causes.

His reputation as a philanthropist was known far and wide in all the towns of the neighborhood, such as: Kurenitz, Ilia, and Retzka, in which towns he would distribute considerable sums of money for the needy ones and to the communal institutions on the eve of each holiday. His wife would come into the neighboring townlet of Retzke on the Sabbath Eve and distribute among the poor the needed ingredients of the Sabbath meals—meat, fish, white bread and so forth. She would raise flocks of geese, year after year, whose meat she would distribute among the sick poor, while the feathers would be given to dowerless brides. Aside from all this, they were both unusually hospitable. At their home the tables were always set and the beds made, for the accommodation of all poor wayfarers. Though their own family was by no means a large one, they would cook, day after day, great potfuls of food, in order to make sure of a sufficiency of good things in the event of the arrival of a greater number of wayfarers than expected. As a matter of fact, there was never any shortage of guests at their home, as the poor wayfarers of the neighborhood usually carried the glad tidings to one another. They would

tell each other that "Reb Michel der Ostashkever" kept an open house, that one always was sure of receiving a hearty meal at his home, and a little pocket-money besides.

